# שבת בלעטל

פרייטאג, אויגוסט 5, 2011 — ערב-שבת פרשת דברים, תשע״א ~ נומ. 5

**ליטעראטור / א רייזע אין דער צייט:**

**פון: י. ל. געבירטיג**

## צווישן די חורבות פון ירושלים

אין די חומות אויפגעריסן, שטיינער צעפלויגן אין דער גאנצער אומגעגענט. מיין שטוב איז געשטאנען נישט ווייט פונעם מויער און דער שווערער גערודער האט מיך צעטרייסלט. מיין שוועסטער האט געוואוינט גלייך אינעם דערנעבנדיגן הויז, איר מאן איז געווען אויפ׳ן פראנט און געקעמפט קעגן דעם שונא, מיר האבן שוין אין יענער מינוט נישט געוואוסט צי ער לעבט אדער נישט. איך אליין בין נישט פעאיג געווען צו שלאגן זיך אויפ׳ן פראנט, קוים זע איך בלוט ווער איך באלד פארלוירן, בין איך דערפאר געבליבן אינדערהיים. די דערשראקענע קלאפן אויף דער טיר האבן מיך צוגעפירט אהין אין אן אויגנבליק, איך האב פארשטאנען אז דאס דארף זיין מיין שוועסטער. איך האב געעפנט די טיר, מיין שוועסטער איז געשטאנען מיט א קינד אין דער האנט, אינגאנצן א בלאסע, זי האט געזוכט ערגעץ שוץ. זי האט נישט געוואלט זיין אליין.

איך האב איר אריינגענומען צו מיר. דער פחד איז געווען אזוי גרויס אז מיר האבן נישט געקענט איינרוען אויף איין פלאץ. מיר האבן זיך ארומגעדרייט ווי מטורפים איבערן הויז אן א ברעקעלע מנוחה. מיין פאמיליע האב איך באצייטנס ארויסגעשיקט פון שטאט, לעבן זיי האפנטליך רואיג אין א ווייטער גליל׳ישער שטאט, נאר אויף מיין שוועסטער האב איך רחמנות געהאט. דער פחד האט איר אינגאנצן פאראליזירט. איך האב איר פעסט ארומגענומען, צוגעדרוקט צו זיך די גאנצע צייט און געווישט אירע טרערן. דאס קינד איז ארומגעקראכן אויף דער ערד, ס׳האט נישט געהעריג באגריפן די סכנה וואס הענגט איבער אונזערע קעפ.

״וואס בלייבט אונז צו טון יעצט אויף דער רגע?״ האט מיין שוועסטער געפרעגט, ״ס׳האט דאך נישט קיין פשט צו זיצן דא אוןווארטן אויפ׳ן סוף. לאמיר אנטלויפן. זיך באהאלטן ערגעץ...״ זי האט גערעדט שנעל, מיט א פארהאקטן אטעם, געשטיקט פון וויינען. איך האב נישט געוויינט דעמאלט. ס׳איז מיר געווען אייז קאלט אין די ביינער. מיין גאנצער גוף איז שיעור נישט צערונען פון פחד און כ׳האב געפילט ווי איך שאקל מיך ווי א בלעטל.

״וואו זאלן מיר אנטלויפן שוועסטערל?״ האב איך צוריקגעפרעגט, ״בלויז ארויסטרעטן פון שטוב איז א סכנה. די רוימישע שווערדן טאנצן ארום ווי ביי א חתונה פון שדים, זיי שטופן זיך אריין אין יעדן געסל און קוקן ארויס אויף אידיש בלוט...״

״איך ציטער,״ האט מיין שוועסטער מיך איבערגעהאקט, ״איך וויל לעבן... איך וויל אזוי שטארק לעבן...״ ביי די לעצטע ווערטער האט זי הויך געוויינט. איך האב געקלערט צו מיר ווי אויפריכטיג ס׳איז איר פארלאנג, נאר נעבעך נישט ווייניגער מאדנע אין דער צייט. בסך הכל וויל זי לעבן. איך פארשטיי איר אזוי שטארק און הלואי ווען איך קען מיט עפעס העלפן.

״זאג מיר אבער דאך,״ האט זי זיך גע׳עקשנ׳ט, ״וואו זאלן מיר זיך באהאלטן דא אין שטוב? ס׳האט דאך נישט קיין זין צו זיצן גלאט אזוי און ווארטן אויפ׳ן טויט. אמת, חננאל?״ כ׳האב פרובירט שנעל אויסצוטראכטן עפעס א באהעלטעניש, כ׳האב אבער נישט געקענט אויפקומען מיט עפעס. מיין בליק האט געלאנדעט צום

המשך אויף זייט 2

**אנאליז / רעליגיע און זינד:**

**פון: חצי-עבד**

## משה פינקל און לוי אַראָן — גלויביגע?

נאכדעם וואס משה פינקל איז מיט כמעט פינף יאר צוריק געכאפט געווארן מיט׳ן צושטעלן טריפה-פלייש אנשטאט כשר׳ס אין זיין מאנסיער יאטקע, איז אויסגעקומען מיטצוהאלטן א שמועס וואו מ׳האט אנגענומען מיט א פשטות אז מר. פינקל איז אלע יארן געווען א באהאלטענער אפיקורס — אזא איינער וועלכער גלייבט נישט אין גאט, נאר האט צוליב סיבות זיך פארגעשטעלט ווי א גלויביגער. ווי באקאנט, האט פינקל פארמאגט פארשידענע ציבור׳ישע פונקציעס אין דער לאקאלער שול וואו ער פלעגט דאווענען, צווישן זיי איז געווען זיין פאסטן אלס בעל-קורא. עס איז אנגענומען געווארן אז דער פאקט אז ער האט געקענט עטליכע יאר מכשיל זיין טויזנטער אידן מיט טריפה-פלייש איז א קלארע ראיה אז ער גלייבט נישט אין גאט, און דעריבער שפירט ער נישט אז מיט׳ן פארנארן זיינע פרומע אידישע קונדן מיט טריפה-פלייש אנשטאט כשר-געשאכטן פלייש באגייט ער אן עוולה. די תורה וועלכע ער האט אזוי ערליך געלייענט אין שול מיינט באמת פאר אים גארנישט.

בעת די דאזיגע מיינונג קען אויסזען גענוג קלאר אז מ׳זאל ניטאמאל צווייפלען דערין, מיין איך אבער אז עס איז בכלל נישט אזוי פשוט. משה פינקל׳ס כפירה איז בכלל נישט איבערגעוויזן געווארן, און די סברא זאגט אז ער איז ווארשיינליך יא א גלויביגער, און איז אייביג אזוינס געווען.

די דאזיגע פראגע איז פריש ארויפגעשווימען נאך דער טראגעדיע פון דעם קינד לייבי קלעצקי ע״ה. קלעצקי איז ברוטאל ערמארדעט געווארן דורך לוי אראן, א שטרענג-ארטאדאקסישער איד פון דעם בענסאנהורסט געגענט, נעבן בארא-פארק. מר. אראן איז

המשך אויף זייט 10

פענסטער, איך האב געזען רויך פונדערווייטנס, דאכט זיך אפילו פלאמען, די קולות פון דער שטאט האבן פארגליווערט מיינע אדערן. גרויסע, קליינע, מענער, פרויען, אלע מיני קולות. ״גאט!״ האב איך אויסגעשריגן, ״וואו ביסטו? איז דאס נישט דיין פאלק? הער! הער נאר די קולות... בררר... א סקרוך גייט אדורך אין דיביינער.״ ביי יעדן קוויטש וואס האט זיך אריינגעהערט האב איך מיר אויסגעמאלן אין דער פאנטאזיע אלע מיני צורות פון אכזריות וואס האבן געקענט פארקומען מיט דעם קרבן. איך האב געפילט אז איך טראג עס נישט איבער.

״חננאל!״ האט מיין שוועסטער נאכאמאל פרובירט. ״מיר קענען דא נישט בלייבן. דו ווייסט דאך דאס. אונזער הויז איז זייער בולט און ס׳איז נישט ווייט פונעם מויער, איך ציטער צו זיין דא נאך איין רגע. איך קען נישט דא איינזיצן רואיג, איך וועל כאפן מיין קינד און לויפן מיט אים צווישן שטעגן און וועגן, דארט וואו מיר דאכט זיך אז די רוימער זענען נישט באקאנט מיט די געסלעך. איך וועל שוין טרעפן ערגעץ א בעסערע באהעלטעניש.״

״וויאזוי מיינסטו אז מיר וועלן עס דורכמאכן לעבעדיג?״ האב איך נאכאמאל געפרעגט.

״דאס ווייסט נאר גאט,״ האט זי געזאגט אין א שטילן טאן, ״דא קענען מיר אבער נישט בלייבן. איך וועל פרובירן זיך דורכצושווערצן ביזן הויז פון הורקנוס, דער ברודער פון מיין מאן. ער איז ווארשיינליך אויפ׳ן פראנט, נאר זיין משפחה איז זיכער דארט, וועלן זיי מיר עפענען די טיר.״

״פון וואו ווייסטו אז זיין משפחה איז דארט יעצט אין מלחמה צייט?״

מיין שוועסטער האט געשוויגן. נאך א ווילע האט זי געענטפערט אין א שוואכן קול ״איך האף אזוי.״

״דיין פלאן איז נישט רעאליסטיש,״ האב איך געזאגט.

״קען זיין ס׳איז נישט רעאליסטיש, אבער דא בלייבן איז נאך ווייניגער רעאליסטיש. איך גיי! אז דו ווילסט קענסטו בלייבן.״

״שפירתא,״ האב איך זיך צו איר געבעטן, ״טו דאס נישט. ס׳איז נישט קיין גוטער איינפאל. מיר דאכט זיך אז די אויסזיכטן אנצוקומען לעבעדיג צו הורקנוס זענען נישט גרעסער ווי איבערצולעבן מיטן בלייבן דא אין שטוב. לאמיר גיכער טראכטן וועגן א באהעלטעניש ארט דא אין שטוב. לאמיר זען מיט וואס א געדאנק דו קענסט אויפקומען.״

זי האט זיך נאכאמאל צעוויינט, אריינגעפאלן אין מיינע הענט, און זיך געטרייסלטווי א לולב. ״ווייסטו וואס?״ האב איך געזאגט, ״לאמיר נאר אויסווארטן ס׳זאל צופאלן די נאכט, דאן וועט אוודאי רואיגער ווערן אויף די גאסן, אויך וועלן מיר נישט אזוי געזען ווערן ווי יעצט אינמיטן טאג. דאן וועל איך צוערשט ארויסגיין אויף דער גאס, איך וועל כאפן א בליק איבערן מצב, און איך וועל צוריקקומען דיר זאגן ווען מ׳קען גיין. הלוואי זאל עס זיין דער ריכטיגער געדאנק.״

זי האט אנגענומען מיין עצה און באשלאסן אויסצואווארטן ביז ביינאכט. די שעות האבן זיך געצויגן ווי חדשים און יארן, דורכגעזאפט מיט אימה און אומדערטרעגליכן שרעק. מיר זענען עטליכע מאל אריינגעלאפן אונטער בעטן, טישן, און וואס ס׳האט זיך נאר געלאזט, ווען ס׳האט זיך אויסגעדאכט אז מ׳קומט צו אונז איינברעכן. קוים קען איך זיך דערמאנען אין יענער פינסטערער צייט, ס׳ווערט מיין גאנצער אינערליכער וועזן איינגעצויגן פון טרויער און פיין. איך ווייס נישט ווען איך האב אמאל אין לעבן אזוי זיך דערווארט די נאכט. איך האב אויך שוין געפילט דאס זעלבע ווי מיין שוועסטער אז פארבלייבן אין הויז איז פשוט אוממעגליך. דער פחד האט מיט געוואלד פארטריבן פון דארט, פון איין סכנה צו דער אנדערער.

ענדליך איז צוגעפאלן די נאכט. מיר האבן געווארט צו הערן ווי די קולות לאזן נאך, ביז איך האב זיך געוואגט ארויסצוגיין צוביסליך אויף דער גאס. מיין שוועסטער איז געבליבן ווארטן אין שטוב ביז איך וועל צוריקקומען און מודיע זיין אז מ׳קען פארלאזן דאס הויז. די קישקעס האבן זיך מיר איבערגעדרייט פון פחד מיט יעדן טריט וואס איך האב געשטעלט פאראויס. ס׳האט מיר אויסגעזען צו זיין פיל רואיגער ווי בייטאג, כ׳האב מיך ארומגעקוקט אהער און אהין וועלנדיג אפמעסטן דעם מצב גענוי. ארומקוקנדיג האב איך דערזען דעם גרויל פון חורבן פאר די אויגן, די צעפלויגענע שטיקער פון מיינע ברידער און שוועסטער, די צעגאסענע בלוט, איך האב ארויסגעלאזט א קוויטש פון מויל, מיינע פיס האבן זיך געוואקלט פון שוואכקייט און איך בין אומגעפאלן. איך האב מיך דערמאנט אז איך האב אייגנטליך א גאנצן טאג כמעט גארנישט געגעסן. נישט איך האב געהאט וואס און נישט איך האב געהאט אפעטיט.

ליגנדיג אויף דער ערד אויסגעצויגן, האב איך ארויפגעקוקט צום הימל און ארויסגערעדט שטיל אן כח: ״ליבער גאט! ס׳איז דערנאך! געזעגן דיך פון דיינע מענטשן, געזעגן דיך פון דיין שטאט. ווען דו וואלסט געוואלט וואלסטו געקענט זיי שיצן, דו האסט אבער אנדערש געוואלט, דו האסט געוואלט פארוויסטן אלעס. דו האסט געוואלט זען די חומות אויפגעריסן, דו האסט געוואלט זען די קינדער פון ישראל וואלגערן זיך אין קאלוזשעס בלוט אין די גאסן פון דער הייליגער שטאט. דו האסט געוואלט אז קינדער זאלן זיך אויסציען אזוי אן א טראפן בלוט אויף דער ערד, דו האסט געוואלט... דו האסט געוואלט...״ איך האב פארמאכט די אויגן און אנגעהויבן וויינען. איך ווייס נישט ווי לאנג איך האב געוויינט, נאר איך בין איינגעשלאפן.

אויפגעוועקט האט מיך די קולות פון א יונגען מענטש וואס וואלגערט זיך אין יסורים ערגעץ נישט ווייט. איך האב געגעבן א שפרונג אויף. דאס בלוט איז מיר ארויף אין קאפ און כ׳האב מיטאמאל אלע כוחות צוריקבאקומען. איך האב געטראכט וועגן מיין שוועסטער וואסווארט אויף מיר אין שטוב, נאר איך בין צוערשט נאכגעלאפן דאס קול. נאכגייענדיג דעם מקור פון די קולות בין איך אנגעקומען צו א ליידיגן געסל, קיין לעבעדיג נפש האט זיך נישט געזען דארט, נאר אין סאמע מיטן איז געשטאנען א זעלנער אין אויסגעפוצטע מונדירן און זיך איזדיקעוועט אויף יענעם מאן. די פרוי זיינע איז געשטאנען פון דער זייט, געצוואונגען צוצוקוקן די שרעקליכע סצענע, און דער זעלנער איז געשטאנען און געפייניגט דעם קרבן זיינעם פאר איר אין די אויגן. איך קען די פרטים קוים אויפ׳ן געדאנק ארויפברענגען און אוודאי נישט אפשרייבן אינעם פאפיר.

ס׳האט אין מיר געשטורעמט מיט נקמה, איך האב זיך געשוואוירן ביי דער בארד אפצושטעלן דעם מיאוס׳ן ספעקטאקל. ס׳האט מיר שוין לייד געטון וואס איך האב זיך נישט אנגעשלאסן אין די קעמפער. ווי שטארק וואלט איך יעצט געוואלט פארגיסן רוימ׳יש בלוט. ווי שטארק עס ברענט יעצט אין מיר נקמה צו נעמען אין אונזערע שונאים, צעדראפען די קעפ פון די אוממענטשליכע חיות. איך האב געזוכט פון אלע זייטן וואס ס׳וואלט מיר געקענט העלפן אינעם קאמף ווען איך האב נישט מיט מיר אפילו איין קליינעם שטיקל געווער. איך האב מיך ארומגעדרייט א צעטומלטער, געטריבן פון קאכעדיגן בלוט, און איך האב נישט געקענט רוען. ״טויט! טויט פאר דעם רשע!״ האב איך אין מיר

איבער׳געחזר׳ט נאכאמאל און נאכאמאל. וויאזוי מ׳טוט דאס האב איך אבער נישט געוואוסט.

דאן האב איך דערזען ווי דער אכזר האט זיך אפגעלאזט פון דעם מאן און זיך גענומען צו דער פרוי. דער מאן איז געווען האלב צעבלוטיגט, זיך געוואלגערט אין יסורים ווען די חיה׳שע פיגור,דער מיאוס׳ער צורר האט ביי איר אראפגעריסן די קליידער. דער מאן וואס האט זיך געוואלגערט אין די אייגענע יסורים האט פרובירט זיך אויפצושטעלן צו ראטעווען זיין פרוי, ער האט געטופעט מיט די הענט און פיס, נאר דער זעלנער האט אים נאך א זעץ דערלאנגט ביז זיין נשמה האט גאר געהאנגען אויף א האר. ווייזט אויס אז יענער האט אים להכעיס נישט געוואלט אפטויטן אינגאנצן כדי ער זאל צוזען ווי ער פייניגט זיין פרוי.

"גאט!" האב איך נאכאמאל אויסגעשריגן. "איך בעט נישט פון דיר גארנישט, נאר געב מיר כאטש עפעס א געדאנק ווי איך זאל דעם מטורף ערלעדיגן. איך וויל אים זען טויט וואס גיכער. העלף מיר... איך בעט דיך..." איך האב געכליפעט ווי א קליין קינד, געווארפן זיך צו גאט, איך בין גרייט געווען אין יענער מינוט מקריב צו זיין מיליאן עולות, תמידים, וואס נישט, נאר איך זאל דעם איינעם שייגעץ קענען מסלק זיין ווי שנעלער. "גאט! זיי אזוי גוט, איך בין דאך, ווי נישט ווי, דיר אזוי געטריי געווען מיין גאנץ לעבן... זיי נישט אזוי קאלט... גאט! גאט!" מער ווי אויסשרייען דאס ווארט "גאט" שטיל נאכמאל און נאכאמאל האב איך גארנישט געקענט טון.

איך האב פרובירט צו פארשטעלן מיינע אויגן, נישט זען כאטש די פיינפולע רשעות, נאר דאס קוויטשען פון דער פרוי מיטן מאן אינאיינעם האט מיך אראפגעפירט אינגאנצן פון זינען. איך האב באשלאסן אז נאך אזא פאל וועל איך סיי ווי מער קיין טעם נישט האבן אין לעבן, זאל איך שוין ממילא אויך שטארבן. וואס א פנים האט דאס צו שטיין אין דער זייט ווען אזא זאך פאסירט? איך האב געכאפט אפאר שטיינער פון די זייטן פון די וועגן, געטראכט אז ס׳וועט מיר אפשר אביסל דאך צונוצקומען. פונדערווייטנס האב איך עס נישט געקענט נוצן, ווייל דאס וואלט די צוויי קרבנות אויך געקענט שעדיגן. ווען דער זעלנער האט די לעצטע שמאטע פון דער פרוי ארונטערגעריסן בין איך גיך צוגעלאפן, איך האב אנגעהויבן מאכן משונה׳דיגע קולות, און אין אן אויגנבליק ארויפגעשפרונגען אויף אים און אנגעהויבן דערווארגן אים. מיט איין האנט האב איך פרובירט צו נעמען א שטיין און אים קלאפן אין קאפ. ער האט גאנץ גיך זיך געשטארקט איבער מיר, נאר די פרוי האט אין יענער רגע ארויסגעכאפט דעם שפיז פונעם זעלנער׳ס גארטל און מיר עס איבערגעגעבן אין דער האנט. איך האב עס באלד אריינגעשטאכן אין דעם העסליכן חיה׳שן הארץ, דער זעלנער האט ארויסגעלאזט א קוויטש – וואס איז מיר געווען ווי די זיסטע מוזיק אין די אויערן – נאר דערמיט האט זיך עס נישט געענדיגט.

מיט די לעצטע כוחות האט דער זעלנער ארויסגעכאפט דעם שפיז פון מיין האנט און מיך מיט דעם צע׳מזיק׳ט. איך האב געזען ווי דאס בלוט הייבט אן גיסן איבער מיין קערפער, מיין אייגן בלוט. איך האב עס אנגעקוקט קאלט, קוים געפילט אז ס׳טוט וויי. איין זאך האט מיך אין יענער רגע אינטערעסירט, צו זיין זיכער אז דער זעלנער האט זיין טויט איינגענומען. נאך א לענגערן געראנגל האבן מיר ביידע פארלוירן די לעצטע כוחות און געפאלן אויף דער ערד צעבלוטיגטע. איך האב נישט געוואוסט וואס מיט מיר גייט זיין אין א מינוט ארום, נאר איך בין דאן שוין זיכער געווען אז דער זעלנער וועט עס נישט איבערלעבן, און דערמיט איז מיר אפילו די אייגענע טויט זיס געווען. איך האב נאר געטראכט וועגן מיין שוועסטער וואס ווארט מיך א זארגעדיגע אין הויז. ווער ווייסט וואס איר גורל איז יעצט?

די פרוי, וועלכע איז געשטאנען אינגאנצן נאקעט אונטערן שווארצן הימל, ווען נאר די שיינענדע לבנה איז אן עדות צו דער שרעקליכער סצענע, האט צו מיר געקוקט אין מיינע לעצטע רגעים מיט בליקן פון דאנק. קוים קוים וואס איך האב נאך עפעס געזען, נאר איך האב דערפילט ווי זי בייגט זיך אראפ צו מיר און גיט מיר א קוש אויף די כמעט-בלויע ליפן. דער מאן וואס איז געלעגן אויף דער זייט צעבלוטיגט, אויך האלב ענטבלויזט אין צעקאלעטשן לייב, האט זיך צוזאמגענומען די כוחות און אויסגעשעפשעט ווערטער פון דאנק. מיר דאכט אז ער האט געהאט מער אויסזיכטן איבערצולעבן ווי איך. צי ער האט למעשה איבערגעלעבט ווייס איך נישט, ווייל פון יענער מינוט און ווייטער געדענק איך גארנישט. ווייזט אויס אז איך בין געשטארבן... כ׳האב נאך פארכאפט צו פילן דעם זאלציגן טעם פון א טרער וואס די פרוי האט מיר איבערגעלאזט אין מויל, בעת די נשמה האט מיין צעבלוטיגטן קערפער פארלאזט.❖

ליטעראטור / א רייזע אין דער פרשה (בלק):

פון: י.ל. געבירטיג

# שווארצע נבואות (3)

דער נביא בלעם האט זיך אויפגעכאפט מיט א שטארקן קאפווייטאג. א קאלטער שווייס האט אים באדעקט אינגאנצן. "ניין ניין!" האט ער אויסגעשריגן, "דאס קען נישט זיין." אלעס האט אים געשווינדלט פאר די אויגן און ער האט אויסגעזען ווי איינער וואס גייט אט אט חלש׳ן. ער האט צוגעלייגט א האנט צום שטערן און דערזען אז ס׳ברענט פון היץ. ער האט נישט געהאט קיין כח אנצוהייבן יעצט מיט דאקטוירים, האט ער געהאפט אז דאס וועט שנעל פארבייגיין.

ער האט נישט אויפגעהערט צו קרעכצן ביז דער דינער יאנוס האט זיך באוויזן אין די נאכט-קליידער ביי זיין צימער. "וואס איז מיט דיר?" האט יאנוס געפרעגט, "טויג נישט עפעס?" בלעם האט נישט געענטפערט, נאר ווייטער שווער געקרעכצט. דער דינער האט פרובירט צו פרעגן צי ער זאל גיין נאך א דאקטאר, בלעם האט עס אבער אוועקגעמאכט. די לעצטע שעות פון דער נאכט זענען זיי איבערגעקומען אין שווייגעניש, ווען נאר די קרעכצן פונעם נביא רייסן איבער דא דארט די שטילקייט. דער דינער יאנוס האט זיך קוים געקענט דערווארטן דעם אויפגאנג פון דער זון וואס זאל אים אויסלייזן פון דער שווערער נאכט.

קוים איז די זון אויפגעגאנגען האט בלעם שוין געהערט די פיסטריט פון די דעלעגאטן וואס דרייען זיך ארום איבערן שטוב, ער האט געבעטן פון יאנוס צו לאזן זיי רופן. יענע זענען געקומען צו גיין און געקוקט מיט וואונדער אויף דעם פיבערדיגן נביא. זיי האבן שוין פארשטאנען אז קיין גוטע בשורות ווארט זיי נישט אפ. "טייערע פריינט," האט דער נביא בלעם זיך געווענדן צו זיי, "איך וועל אייך נישט קענען ערקלערן אלעס, נאר ס׳איז נישטא וואס צו טון. איר קענט אהיימגיין. פארט לחיים ולשלום." ס׳האט זיי זייער נישט געשמעקט דער געדאנק, נאר זיי האבן פארשטאנען אז ס׳איז נישטא וואס זיך איינצו׳טענה׳ן. זיי האבן באדאנקט דעם נביא, זיך

פארנויגט און אוועק פון דארט אין די ערשטע שעה'ן פונעם טאג האפנדיג אויפ'ן בעסטן.

א קורצע צייט דערנאך האט דער קעניג פון מואב ווידער געשיקט דעלעגאטן מיט דעם זעלבן פארלאנג, קלערנדיג אז מיט פארשידענע שוחד פון געלט און כבוד וועט זיך אים איינגעבן צו שלעפן דעם נביא מיט זיך. קיין שום הסברים האבן נישט געהאלפן אפצושטויסן דעם קעניג פון זיך, ביז דער נביא איז אין ענדע מיטגעפארן מיט זיינע דעלעגאטן צו דעם פלאץ וואו ער האט אים אפגעווארט צו שעלטן דאס מצרי'יש-העברעאישע פאלק. דער נביא אליין האט קיין סאך האפענונג נישט געלייגט אויף די קללות, פארשטייענדיג שוין דאן די קאמפליקאציע פון דער זאך. דער נאמען הוי"ה האט אים געדונערט אין די אויערן און דאס ווארט ישראל האט אים געגריזשעט אין הארץ. ער האט אבער געהאפט אז ס'וועט זיך אים דאך איינגעבן עפעס צו טון.

*

"ישראל," האט ער אנגעהויבן זיין נבואה ווען זיין גאנצער קערפער נעמט זיך ווארפן, "ישראל! ישראל! ארעם און גליקליך פאלק! ביסטו דאס פאלק וואס הייסט "עם ה'"? ביסטו דאס פאלק וואס וויקלט זיך איין אין טלית פון נבואה אויך ווען דאס בלוט גיסט זיך ביז איבער דער פלייצע? דאס פאלק וואס גייט אין פייער און וואסער אין אפפער פאר א בעסערער וועלט? דאס פאלק וואס גיט ארויס נביאים וואס זעען צייטן פון בעסערע וועלטן? ווי ישראל! ישראל! איך זע דאך די חבלי-לידה וואס דו ווערסט איבערקומען, נאר אין ענדע וועסטו דאך ארויס דער זיגער. ווי ערהאבן איז אט יענע נבואה פון אייערס וואס דערציילט וועגן אזא שיינעם עתיד פארן מענטש, הלואי ווען מיינע נבואות איבערן "אחרית" זאל זיין אזא ליכטיגע ווי ס'זעט עס אט דאס פאלק. ווער ס'זעט שווארץ וועט פאלן שווארץ און דער וואס צילט צו ליכט וועט אין ענדע דערלאנגען צום ליכט. לעב וואויל פאלק ישראל, און זאל מיין חלק זיין צווישן אייך."

"ישראל!" האט ער פארגעזעצט, "הייסט עס איך האב געגרייזט? נו אוודאי! אז איר האט זיך מיט אייער דערהויבנקייט געגרוקט מיט יארן טויזנטער פאראויס, ווי'זשע זאל איך אייך קענען זען? איך דארף איבער הויכע בערגען ארויפקלעטערן צו זען בלויז דאס שווענצל דיינע. קוים מעגליך דיין קלענסטן פינגער צו פארשטיין. ווי קענסטו דאס אבער טון? דו רייסט זיך אפ פון דער גאנצער וועלט, וועסט זיך נישט מישן מיט קיינעם כדי צו קענען אויספירן דאס דייניגע, דו וועסט אבער דערפאר ליידן. ניין, נישט דו ביסט שולדיג אין וואטיקאן, נאר שולדיג זענען די וואס קענען נישט פארנעמען דיין הויכקייט ווען זיי פרואוון אנטון דיין פעלץ. וואס איז מיין נבואה ביז אהער ווערט געווען ווען איך האב נישט געקענט באגרייפן בלויז דאס פשוט'ע וואס דו שטעלסט פאר?"

"ישראל!" האט ער אנגעהויבן נאכאמאל, "ווי גליקליך איז דער וואס האט דיין רוקן דערזען, ווי גרויס ווערט דער מענטש וואס האט צו דיר נאר געקענט דערלאנגען. דיין געשיכטע איז אזוי קאמפליצירט ווי דיינע לערעס אליין, און די מיסטעריע וואס וויקלט ארום דיין נאמען איז דאס אייגענע וואס וויקלט ארום דעם נאמען הוי"ה. איך האב דיך געזוכט צווישן די קינדער פון חוה, נאר געפינען האב איך דיך צווישן געטליכע אפשטאמלינגען. נביא'יש פאלק, דאס בלוט וואס רינט פון דיין ברוסט איז נישט צוליב דיין שלעכטס, נאר צוליב דיין גוטסקייט. דאס קול וואס גייט ארויס פון דיר אין מדבר יעצט, וועט צו דיר צוריקגעשליידערט ווערן אין בלוטיגן עכא אזוי לאנג ווי די מענטשהייט וועט נישט רייף זיין עס איינצוזאפן. ריין איז דאס בלוט וואס רינט פאר ריינקייט, וואויל איז דעם קוואל וואס קומט איבער יעדן וואל אום די וועלט צו שווענקען אין וואוילקייט."

"ישראל, ישראל," האט ער אויסגעשריגן, "פון דיין נאמען גייט אויף א טעם פון העלדישן בלוט. איך וואלט פאר דיין גרויסקייט דא פארבליבן טויט אויף דער ערד."

דער קעניג בלק האט זיך איבערגעבליקט מיט זיינע הערן און דינער, און דאס פנים האט אים געשוימט פאר כעס. ער האט געגעבן א כאפ דאס שווערד זיינע אין האלטער און געוואלט מיט איין קלאפ ברענגען אן ענדע צו דעם אראמישן נביא. "דו היפאקריט איינער!" האט ער אנגעהויבן שרייען קעגן דעם נביא, וועלכער איז נאך געלעגן אויף דער ערד מיט די צעשויבערטע האר, ווען די אויגן טאנצן אים ארום אין די לעכער אן א סדר. "דו אומפארשעמטער גאטס-פארהאסטער נביא! דו פאררעטער! געשאלטן האסטו? הא? דו באנדיט! דו פארפירערישער! איך וואלט דיך יעצט צעמאלן אזוי אז פון דיין געביין זאל קיין זכר נישט בלייבן. וואס האסטו געטון? הא? וואס?... רעד שוין... האסט געבענטשט! גע-ב-ע-נ-ט-ש-ט!" ביי די לעצטע ווערטער האט ער אזוי געקוויטשעט אז מ'האט קוים געקענט דערקענען אין דעם זיין קול.

דער נביא האט פרובירט זיך צו אריענטירן. ער איז נאכנישט געווען געהעריג ביי זיך, געלאנדעט ווי פון אן אנדער פלאנעט, און ער האט געקוקט ווי א גולם אין די אויגן פון דעם צעהיצטן קעניג. "וואס איז?" האט ער ענדליך געפרעגט. דער קעניג האט דערזען אז עפעס איז נישט ווי ס'דארף צו זיין. "וואס הייסט וואס איז?" האט ער געענטפערט, "האסט געבענטשט! נישט געשאלטן! די אלע קללות וואלט איך געשאטן אויף דיין קאפ, דו באנדיט איינער!"

"געערטער קעניג פון מואב, לאמיך דיר ערקלערן..." דער קעניג האט נישט געוואלט הערן, נאר געשריגן אויף אים אן אויפהער. "איך זאג דיר דאך," האט דער נביא פרובירט אים איבערהאקן עטליכע מאל, "האסט דאך געזען אז נישט מיט מיין כח האב איך גערעדט. דאס איז געווען א נבואה... וואס הייסט א נבואה? איך האב אזוי הויך דערגרייכט און דערזען גאר דעם אמת פון גאט. איך קען נישט באשטימען דעם עתיד, איך קען עס נאר באטראכטן ווען ס'עפנט זיך מיר דאס הארץ, ווען מיין נשמה פארבינדט זיך מיט די ווייטסטע אייביגקייטן. איך שווער דיר געערטער קעניג, אז אזא נבואה ווי היינט, אין אזא קלארקייט, האב איך קיינמאל נישט געהאט. איך וועל אליין דארפן עס נאך צעקייען און פארנעמען, נאר אויב דאס איז וואס גאט וויל, דארפן מיר הייבן הענט."

"גאט? גאט? וועלכער גאט? דו מיט דיין בעל... און איך זאג דיר צו אז דער שטאלצער כמוש, דער גאט פון מואב, שרעקט זיך גארנישט פון דיינע געטער, און ער וועט דיך צעקלאפן אינאיינעם מיט זיי. הערשט פאריגע וואך האבן מיר איינעם, א כהן פון בעל, אפגעקוילעט אויפ'ן מזבח פון כמוש. מיר דאכט אז דו וואלסט געווען א פיינער קאנדידאט צו זיין דער היינטיגער קרבן. דו כוליגאן איינער! וואס א נארישקייטן דו האסט גערעדט היינט אין פיבער. גיי דיר! גיי! איך האב דאך מורא פון דיר, איך ווייס אז דו באזיצסט געטליכע כוחות, נאר דו פארשטייסט אוודאי אז כבוד קענסטו פון מיר נישט ערווארטן. גיי שוין גיי..." ער האט נאך אויסגעשפיגן קעגן אים און געוויזן א פנים פול מיט שנאה.

דער נביא האט זיך באטראכט איבער דעם פלאנטער אין וועלכן ער איז אריינגעפאלן. ער האט פרובירט זיך צו דערמאנען די נבואות וואס זענען אים געקומען אין קאפ און ס'האט אים נישט געקלעפט א ווארט צו ווארט. האט ער עס אויסגעלויבט ישראל? פארוואס? האט ער צוגעשטימט צו זייערע קאפריזן און עס גאר געשעצט? האט ער עס הייסט עס אליין פארדאמט די געטער? א בראך! דאס איז דאך א מיאוס'ע זאך. ווי קומט דאס אזא זאך צו

אים? ער האט זיך צוביסליך אויפגעהויבן פון דער ערד, געשפרייזט א צעשטורעמטער אהין און צוריק און געפרובט מאכן סדר אין די מחשבות. "דאך פארט א נבואה" האט ער געקלערט, "קען עס אמאל זיין אומפארשטענדליך, דארף מען דאס דעשיפרירן. אבער בשום אופן נישט אוועקמאכן."

"און אפשר..." איז אים געקומען א געדאנק אין קאפ, "אפשר איז דאס נאך עפעס א טאקטיק פון אט דעם משונה׳דיגן פאלק. דערציילט מען דען נישט פיל מיסטישע באבע-מעשה׳ס ארום זיי? דאס שטייט דאך זיי זייער גוט. א פאלק, ארויס פון מצרים, פון דעם אימפעריאליסטישן לאנד, אזוי ארויסגעריסן זיך און געקומען דא אהער אין מדבר. אלעס ציטערט פאר זיי, א מין פחד באנעמט אלעמען... ניין! דאס איז נישט קיין גאט, דאס איז א טייוול... יא, א טייוול... וואס נבואות, ווען נבואות, אלעס א טאקטיק מיך צו פארדרייען... און אז איך וועל מיך דערפאר אונטערגעבן זענען מיר טאקע אלע פארלוירן. אך ווי משונה׳דיג דארף זיין זייער כח אז זיי געוועלטיגן גאר אין די אונטערערדישע קעניגרייכן וואו עס הערשט דער עזאזל, און זיי קענען גאר אלעס דרייען צו זייער זייט. א מאַגיש פאלק וואס האט פון שדים-לאנד ארויסגעטאנצט. ווי שרעקעדיג איז די מחשבה. נאר ווי קומט מען טאקע איבער אזא זאך? ווי קומט מען דאס איבער?..."

ער האט פרובירט זיך צו שטארקן און אויפשטיין פון דער ערד. ער האט זיך ארומגעקוקט אין אלע ווינקלען ווי ער זאל וועלן זוכן הילף. געקוקט ארויף, אראפ און ווידער ארויף, ביז ער האט געפאסט מוט און אנגעהויבן שרייען מיט באגייסטערונג:

"געטער! גוטע און שטארקע געטער! איך וואלט געטון אלעס וואס אין מיין מעגליכקייט אפצושטעלן דעם גאלאפ פון דעם פאלק אויף דער ארענע פון דער מענטשליכער געשיכטע. איך דארף נאר אייער הילף. איר טארט נישט זיצן אוןווארטן אויף אייער סוף און דעם סוף פון אייערע זין און טעכטער. העלפט מיר! העלפט מיר, איר מעכטיגע קרעפטן פון גאר דער וועלט! אויב איך האב דערלעבט זייער אויפקומען איז דאס אפשר מיין שליחות זיי אפצושטעלן מיט די כוחות וואס שטייען צו מיין זייט, און דערמיט אפרעטן די וועלט פון די קינדער פון שטן וואס ברענגען חורבן אויף דער וועלט און זייען שינאה צו גאט און מענטש. ליבע געטער! גיט מיר נאר אן עצה, העלפט מיר טרעפן דעם וועג ווי איך זאל מיט זיי האנדלען, איך זאל קענען די וועלט אפרעטן פון דעם פינסטערן עתיד וואס קען אויף זיי קומען מיט דעם פאלק."

דער קעניג פון מואב איז נאך געשטאנען דארט אויפ׳ן פלאץ און געהאפט אז עפעס זאל זיך אויסקאכן. דער נביא האט הויך געקרעכצט און געמאכט משונה׳דיגע באוועגונגען מיט די הענט. מיטאמאל האבן זיך געעפנט די אויגן פונעם נביא, א שיינער פונק האט זיך באוויזן אין זיי, "אה..." האט ער געלאזט הערן, "עשתורות... זי וועט מיר קומען צו הילף. ווי האב איך נישט געקלערט פון דעם פריער? יא, דארט וואו בעל הייבט הענט קומט עשתורת אריין אין בילד."

"הער מיך, טייערער קעניג," האט ער זיך געווענדן צום קעניג בלק, "אט דאס פאלק האט זיך געעפנט א וועג וואס פירט אין תהום. זיי ווילן אינגאנצן זיך אפשיידן פון דער וועלט, פון לעבנספרייהייט און מענטשנליבע, מיט שנאה צו מאלערייען און שניצונגען, און אזוי צו אלע שיינע מענטשליכע ווערק. פארהאן אבער א פינטעלע מענטש וואס רוט אין הארץ פון יעדן מענטשנקינד, און ווי נאר מ׳זאל עס צעפלאמען וועט דאס הארץ פאלן מיט טרייהייט פאר אט דעם טייל וואס רופט צו גליק, פאר דעם טייל וואס רופט צו ליכט און שיינקייט. איך צווייפל נישט אין דעם אז דאס מדבר׳ש פאלק, אויסגעהאדעוועטע אלץ שקלאפן, האבן קיינמאל קיין רעכטן שיין פון דער זון נישט געזען. ס׳איז אונזער הייליגער פליכט זיי צו לאזן עס פארזוכן אמאל, לאזן אונזערע טעכטער טאנצן פאר זיי, פרובן צו פאנגען זייער הארץ, און מיט דעם שארפן כח פון עשתורת וועט דאס ברענגען זייער גאנצע לערע צונישט. דערלאזט נאר אייערע טעכטער צו זייערע בחורים און דאן... דער קעניג הערט מיינע ווערטער? דאן איז דער פראבלעם פון דעם פאלק קיין פראבלעם מער. ס׳וועט פשוט אויפהערן צו עקזיסטירן."

"און דער גאט וואס האט דיך נישט געלאזט שעלטן וועט אט דאס יא צולאזן?" האט דער קעניג געפרעגט האלב מיט שפאס און האלב ערנסט, נישט ווייסנדיג גענוי פון וואס ס׳האנדלט זיך.

"איי ווי פארפלאנטערט ס׳איז די פראגע," האט דער נביא געענטפערט, "טוען מיר דען עפעס שלעכט דעם פאלק? מיר ברענגען זיי דאך נאנט צו דער אלגעמיינער קולטור. איך פארשטיי אז זייער גאט איז אפיליאירט מיט זייערע לערעס, און ס׳וועט אים נישט שמעקן דאס געשעפט, וועט ער זיי אפשר איבערלאזן. איך ווייס? אדער וועט ער זיי אויסקוילן? לאז! גייט מיך נישט אן. דער גאט הוי"ה און דער כאראקטער פון זיין פאלק זענען איינס און דאס זעלבע. דער גאט וויל פארכאפן די מאכט איבער אלע געטער, און ברענגען א סוף צום הימלישן גלאנץ. איך זע דאס אלעס אלץ א טייוולאנישער דמיון וואס סימבאליזירט עפעס גאר שרעקעדיג. מיר דארפן טון אונזערס און די געטער אין הימל וועלן זיך טון זייערס. מיר וועלן שטיצן דעם כח פון אונזערע געטער דא אויף דער ערד וועלן זיי אונז העלפן פון דארט. די יעצטיגע מינוטן זענען די גורל׳דיגסטע מינוטן אין דער גאנצער געשיכטע פונעם מענטש, סיי פון פאר אונזער צייט און סיי פון דער שפעטערער צייט. ס׳שטייט די וועלט אויף א וואגשאל צווישן לעבן און חורבן, און מיר... און דאס הייסט טאקע מיר, זענען אויסדערוועלט געווארן צו זיין די פארטרעטער אינעם קאמף אויף דער וועלט." ער האט אויפגעהויבן א פינגער צום מדבר און געוויזן אהין "דארט, זעסטו? דארט זענען די שלוחים פון טויט און חורבן, און דא וואו מיר שטייען," האט ער געזאגט צוריקברענגענדיג זיין פינגער צו זיך, "פון דא גייט ארויס דער קאמף פאר לעבן." ער האט אריינגעקוקט אין די אויגן פונעם קעניג בלק און געזאגט "פארשטיי אז דאס איז די איינציגע און לעצטע געלעגנהייט. אויב וועלן מיר ברענגען צו פראדוקטיווער ליבע צווישן די זין און טעכטער פון די צוויי פעלקער וועט אלעס ארום שוין ממילא צעוואסערט ווערן פון זיך אליין. פון יעצט און ווייטער ליגט עס נאר אין דיין האנט... זע אויך עס איבערצושמועסן מיט די פירער פון מדין."

*

"אזוי גאר? א נשיא פון זייער פאלק?" האט בלעם געפרעגט פון יאנוס, "וואו האסטו דאס געהערט?"

"וואס הייסט וואו? דאס גאנצע לאנד שמועסט פון דער ליבע. א טאכטער פון צור, א מדינ״ישער שבט-עלטסטער, מיט א העברעאישן שבט-עלטסטער."

"אומגלויבליך! אומגלויבליך!" האט דער נביא אויסגערופן צוזאמקלאפנדיגביידע הענט מיט עקסטאזע. "וואס א פאסיגער שידוך. ווי געלונגען... אוי ממש ענבי הגפן בענבי הגפן. ווי שטארק דאס פרייט מיך צו הערן. זע נאר אז די געטער האבן אונז נישט פארלאזט. שטארקע געטער! אך, א געזונט לעבן פאלק מדין!"

א טאג דערויף איז אנגעקומען די בשורה וועגן דעם טראגישן אומקום פון דעם פארל וועלכע איז דער׳הרג׳עט געווארן דורך א העברעאישן קנאי. ווען בלעם האט די בשורה געהערט האט ער א שליידער געגעבן אן ערדענעם טעלער וואס ער האט געהאלטן אין

דער האנט, אראפגעריסן דאס קייטל וואס איז אים געהאנגען פון האלז און אויסגערופן הויך: "די נבואה האט נישט געקענט אזוי שטארק פארווירקליכט ווערן ווי דאס, און אין מיין צייט גאר. אט דאס, טאקע דאס, האב איך געזען. דאס שווערד פון דעם מאן וועט מיך אויך צוזאמברענגען מיט מיין גאט און פון דא און ווייטער איז א נייער קאפיטל." ער האט זיך הויך צעוויינט, גענומען אין דער האנט אן אלטע לירע און אויסגעזונגען זיין לעצטע נבואה:

*דאס איז פון בעור׳ס זון איין קלאג-ליד,*
*פאר דעם פערטן זון פון קטורה,*
*א טויט-גרוב היינט דורך דעם איזראעליט,*
*געווארן איז דאס לאנד פון כח און גבורה.*

*מידיאַן, לאנד פון לעבן, גליק און פרייד,*
*מידיאַן, וואו עס רוען שטענדיג געטער דארט,*
*מידיאַן, דאס שפיגעלע פון הייליגקייט,*
*ווי קומט צו דיר אין לאנד דער מאסן-מארד.*

*מדין-לאנד, גרויס בלייבט דאך דיין זכייה,*
*פון נייער צייט צו זיין דער ערשטער קרבן,*
*אויפשטיין וועט א נייער טעמפל אין מוריה,*
*און איבער וועלט וועט פייערן דער חורבן.*

*ווי קומט דאס צו דיר שענסטע אויף ערד,*
*וואס דיינע שטעט זענען אין רויך אוועק,*
*פון ווייבער, קינדער, די קולות׳לעך געהערט,*
*אין לעצטן צאפל פון א לעבן שוין ביים עק.*

*דאס איז דער קלאג בלעם-זון-דעם-בעור,*
*איבער א צייט וואס איז געוועזן, נישט מער.*
*גע׳פטר׳ט גיך ווי ערב פסח דעם שאור,*
*לאז יעדער מענטש דערויף אראפ זיין טרער.*

* * *

## עפילאג

די פרשה פון בלעם איז, ווי איך זע עס, פון די סאמע אינטערעסאנטע פרשיות אין דער תורה. כמעט נישט מעגליך דאס צו לערנען אן דעם וואס ס׳זאל ארויסרופן באגייסטערונג, וואונדער און גלייך דערמיט אן א שיעור קשיות. ס׳גייט די רייד וועגן א נישט-אידישן נביא מיטן נאמען בלעם. ער אליין דערקלערט זיך אלץ א "נופל וגלוי עינים". ער זעט גאט נישט נאר אין דער פינסטערער נאכט, נאר אויך אין סאמע מיטן פונעם טאג, ווען ער איז וואך צווישן מענטשן, פאלט ער אט אוועק, די אויגן ווערן אים פארגלייזט, די אדערן פארגליווערט און... אט איז די וויזיע... אט איז זי.

ער איז א נביא. נישט קיין פשוט׳ער מענטש. ער זעט גאט און רעדט זיך מיט אים דורך. דער רמב"ם דערקלערט אז צווישן די קריטעריעס פונעם נביא מוז זיין די ריינקייט פון הארץ, אזא וואס קערט זיך אין גשמיות נישט אן, ער פארמאגט אט אזא הארץ וואס איז נאר פול מיט גייסט. גאט אליין איז אפן צו יעדן מענטש וואס וויל זיין שטאפל דערגרייכן, ס׳איז געוואנדן אינעם מענטש וואס איז גרייט דעם וועג דורכצומאכן צו דערלאנגען צו זיין ווייטקייט. דער נביא בלעם האט דעם וועג דורכגעמאכט. ער פלעג אין די נעכט זיך מתבודד זיין מיט גאט אין פרואוו צו דערגיין די סודות פון מעשה בראשית. קענען מיר אבער נישט פארשטיין וואס ער איז געווען אזא הונט – לויט ווי ס׳וויל עס די תורה אויסמאלן. אים האט זיך געוואלט איינשלינגען דאס פאלק וועלכע ער האט אזוי אויסגעלויבט, אט דאס וואס ער האט אזוי טיף דורכגעטון מיט זיין חזיון. ווי זאל זיך דאס ערקלערן? מילא פאר דער נבואה איז ער געקומען ווייל מ׳האט אים גערופן, און ער האט דאך געענטפערט אז ער וועט נישט שעלטן, נאר טון וויאזוי די נבואה וועט אים פארלייגן, אבער למעשה זעט נישט אויס ווי די נבואה זאל אים האבן באאיינפלוסט, אפשר גאר פארקערט. די תורה דערקענט אין אים א שונא וואס נוצט פארשידענע טאקטיקן קעגן אידן, פאר דער נבואה ווי נאכדעם.

זיין בליק איבערן אידישן פאלק, ווי אויך זיין אייגענע באגייסטערונג פון דעם פאלק, אין א צייט ווען עס איז נאך געווען אין די וויגדלען, נעמט אינגאנצן איבער ביים ליינען די פסוקים. קען דאס זיין אז ער האט באלד באמערקט אז דאס אידישע פאלק בריט זיך אויס אנדערש ווי די איבריגע פעלקער ("ובגויים לא יתחשב"), כאטש וואס הונדערטער יארן נאכדעם האבן נאך די אידן זיך געוויגט אין דעם פרייד פון לעבן גלייך ווי אלע פעלקער? מ׳האט נאך דאן נישט גע׳חלומ׳ט פון קיין רוימער, קריסטן, דייטשן, פאלאקן און נאך אזעלכע קללות וואס אונזער גלות האט אונז מיט זיי באקענט. דאס אידישע פאלק האט נאך אין יענער צייט געוואוסט וואס דאס מיינט טבע, וואס דאס הייסט לאכן, האט אויך נישט ווייניג געפיל געהאט צו די קלאסישע געטער אין יענע סביבות. האט שוין בלעם דערזען אין יענער ווייטער נבואה דעם ביטערן משונה׳דיגן גורל וואסווארט אפ דאס אידישע פאלק? איר אייגענעם טענה׳ן פאר אנדערשקייט גלייך מיטן ווערן אויסגעשפיגן פון דער פעלקער-משפחה?

איי, ווער ווייסט וואס נאך ער האט געזען? ס׳באנעמט א שוידער ווען מ׳ליינט אפ זיינע ווערטער. איך וויל נאר דערגיין וואס א מענטש ער איז געווען? א קאלטבלוטיגער היטלער אדער בסך-הכל א ווארעמער שעקספיר וואס איז פארפירט פון דער סביבה? האט ער געשעצט די אידן פאר זייער גרויסער נשמה, נאר געהאסט זיי טאקע פאר דעם? אדער האט ער – על-אף דער ארומיגער שנאה – געקענט זיך ארויסהייבן פון דער סביבה און אפזאגן וואס ער האט געהאט צו זאגן וועגן אידן? מיר דאכט זיך אז קיין איינע פון די צוויי פיגורן וואלטן נישט געפאסט פאר בלעם.

דער פיגור פון א נביא פּאַרט זיך זייער שווער צו היטלעריזם, און זיין טיפע באקאנטשאפט מיט דער נשמה פונעם אידישן פאלק איז גארנישט די אמעראצעס פון שעקספיר. היטלער דער מענטשנפרעסער האט ניש׳קשה׳דיג פיין געקענט אידן, נאר געהאסט דווקא זייער נשמה, אט דאס וואס מיר רופן "דאס פינטעלע איד". שעקספיר האט אבער נישט געקענט קיין אידן במציאות, נאר דעם "מאנסטערישן איד" פון די לעגענדעס, און אט דאס האט ער פרובירט צו פארגלעטן א טראפעלע. ביי שעקספיר איז דער איד קיינמאל נישט געוועזן אייגנארטיג, נאר א בריה משונה וואס אין שענסטן פאל קען מען אים אנערקענען אלץ "א מענטש ווי מענטשן". דער קלאסישער אנטיסעמיטיזם

פונעם מיטלאלטער איז תמיד געגאנגען אויף אט דעם נוסח, ווי ס'איז אויסגעמאלן אין די ווערטער פון המן "ודתיהם שונות מכל עם," דאס פאלק איז מאדנע. גארנישט מער. אין אזא אנטיסעמיטיזם קענען זיך טרעפן מענטשליכע פינטעלעך וואס קענען לייכט ערוועקט ווערן, און דאן ווען די מחיצה צעפאלט צווישן די צוויי זייטן וועט אזא אנטיסעמיטיזם אויטאמאטיש איינגיין. ווערט דאך מיטאמאל קלאר אז יענער איז אויך א מענטש.

גאנץ אנדערש איז דער "אינטעליגענטער אנטיסעמיטיזם" וואס ווייסט און ווייסט און האט טאקע דאס פיינט. די צוויי זענען אין פולשטענדיגן קעגנזאץ איינס צום אנדערן. דער אינטעליגענטער אנטיסעמיטיזם באזירט זיך אויף ראציאנאלע יסודות, און געוויסער ראציאנאליזם קען מען דאך אין אלעמען טרעפן, בעת וואס דער אלגעמיינער אנטיסעמיטיזם באזירט זיך אויף דעם פארקערטן פון ראציאנאליזם. לויט דעם איז ריכטיג צו זאגן אז המן איז די אנטי-טעזע צו היטלער.

און וואו שטייט בלעם? וואס שייך זיינע ידיעות געהערט ער אוודאי צו דער אינטעליגענטער זייט. דאס אליין איז איינס פון די וואונדערליכע פרטים אין דער פרשה צו טרעפן א מוסטער פון אן אינטעליגענטן אידן-פיינט, ווען מיר קענען אזעלכע געשטעלן הערשט פון דער מאדערנער צייט – אזוי דאכט זיך מיר. דאך, טראץ זיין שנאה לכאורה, הערן מיר נישט קיין אנטיסעמיטיזם אין זיינע ווערטער וועגן אידן, נאר דווקא שיינע זמירות. דאס צעמישט אונז דאפלט. אין די ווערטער זיינע איז ער א הונדערט פראצענטיגער יודאפיל, נאר ווען ס'קומט צו למעשה פירט ער זיך אויף ווי א חיה צו אידן. ווי שטימט דאס?

די ספרים ווילן ערקלערן אז די נבואה האט זיך גארנישט געפאסט פאר בלעם, נאר גאט האט ארייגעלייגט די ווערטער אין זיין מויל, האט ער אין א הוראת שעה באקומען אזא נבואה, נישט אנדערש ווי דער אייזל זיינער אונטערוועגנס. כאטש ס'איז משמע אין די פסוקים אז ער האט שוין געהאט נביא'ישע ערפארונגען פון פריער, דארף דאס לויט דער ערקלערונג מיינען אז די גאנצע נבואה איז געווען אן אנגעקלעבטע אויף אים צוליב אידן. דאס איז אבער ווייט נישט צופרידנשטעלנד. די פרשה מיטן אייזל וואס האט געזען מלאכים און גערעדט דארף טאקע אן ערקלערונג, און ס'וועט לויטן רמב"ם זיין א טייל פון בלעם'ס נביא'ישע וויזיע, אבער צו זאגן אז בלעם האט די נבואות באקומען גאר אן עקסטאזע, גלאט אזוי איבערגעפירט דורך זיין האלז, און ער האט נאך געקענט גלייך דערנאך טראכטן פארקערט פון די נבואות וואס ער האט פארנומען, דאס איז זייער נישט סברא'דיג, שטייט אויך שלעכט מיטן נביא'ישן באגריף, און ס'וועט יעדנפאלס זיכער נישט שטימען מיט דער מיינונג אין דער גמרא אז בלעם איז געווען אזא גרויסער נביא ווי משה אליין אדער נאך גרעסער ["ולא קם נביא בישראל כמשה, בישראל לא קם אבל באומות קם" וכו']. און דא קומט מען צוריק צו דער פראגע איבער דעם כאראקטער פון דעם נביא פון די אומות, בלעם בן בעור פון פתור.

אט די צעמישעניש האט מיך געבראכט צו שרייבן די מעשה איבער בלעם, אין וועלכער איך האב געוואלט פרובירן זיך אויסצומאלן א געוויסן כאראקטער וואס זאל מיט עפעס אין ארדענונג ברענגען דעם פלאנטער. נאך א ציל האב איך דערמיט געהאט פארצולייגן די טעזע פון ראציאנאלער שנאה, כאטש נאר איין קליינער צווייג, און די ראציאנאלע יודאפיליע אלץ אנטי-טעזע צו דעם. אין די "שווארצע נבואות" האט דער נביא געזען אמת'ע בילדער בנוגע דער אידישער געשיכטע און אירע סביבות, נאר די אינטערפרעטאציע איז געווען געמישט מיט אומקלארקייט וועגן אידן. די ווערטער "מאנסטערס" און "מאדנע" זענען אריינגעמישט געווארן אויך אין די "אינטעלעקטועלע נבואות". שפעטער אין די גינסטיגע נבואות צו אידן האט זיך קיין פרט נישט געענדערט אין די נבואות, נאר דער אידישער כאראקטער איז מער אויסגעקלארט געווארן, ווי איינער וואס זעט עס שוין פון אינעווייניג, נאר מיט דעם התפעלות פון א גאסט, נישט פון אן איינגעבוירענעם איד. די זעלבע פאקטן, נאר אן אנדערער פארשטאנד איבער דעם.

ובכן דאכט זיך מיר אז אט דאס ממש שטעקט אויך אין ראציאנאלן אנטיסעמיטיזם – מיין איך צו זאגן אין אט דעם טייל וואס באריר די אידישע נשמה. דאס פינטעלע "המן" וואס קוקט ווי א תם אויף די אידן און פרעגט "מה זאת" עקזיסטירט אויך אין דעם "אינטעליגענטן אנטיסעמיטיזם" און אט דאס פינטעלע מאכט דעם גאנצן אונטערשייד צווישן די צוויי עקסטרעמען. בלעם אין זיינע ערשטע נבואות איז דער מוסטער פון דעם דענקער וואס ס'דאכט זיך אים אז ער פארשטייט געוני צו דעם אידישן גייסט, נאר דווקא דאס קוקן פון א שלעכטן קוקווינקל ברענגט דעם חורבן. אפילו ביי אידן אליין קען מען טרעפן זעלבסטהאס ווען זיי קענען זיך נישט געהעריג דעפינירן, און אט אזעלכע "אינטעליגענטע אנטיסעמיטן" האבן מיר געהאט נישט ווייניג אייגענע אויך, נאר ווען מ'גייט מיט א טריט ווייטער, פרובנדיג צו קוקן גינסטיג אויף דעם פאלק וואס "דאמינירט די וועלט" מיט זיין גייסט, וועלנדיג פארשטיין צו דעם שורש פון א מענטשליכער זייט, אט דאן צעפאלן אלע מחיצות.

און וואס שייך בלעם, פאלט דערמיט אוועק דער גאנצער פלאנטער. ס'איז אמת טאקע אז אין די נבואות וואס מיר זעען אין דער תורה דערקענט זיך א שטארקער אידן-פריינט, דאס איז אבער נאר געווען דאן ווען ער האט אויף א מינוט זיך ארויסגעהויבן פון דעם פינטעלע צעמישעניש. פאר דער נבואה און נאך דער נבואה האט ער אויך פארנומען ריכטיג די אידן, נאר די פולע קלארקייט האט אים געפעלט, און אט דאס פינטעלע האט אים צעמישט. (די "שווארצע וויזיעס", פון פאר דער גינסטיגער נבואה פון דער תורה, זענען טאקע געקומען פון מיין אייגענער פאנטאזיע, נאר די טעאריע דינט למעשה אלץ אויסקלארונג ארום דער שנאה פון נאך דער נבואה אין דער תורה. ביז יענער נבואה איז טאקע נישטא קיין ראיה אז ער האט בכלל געהאט א מיינונג איבער אידן. בסך-הכל האט ער אויסגעהערט די "שרעקעדיגע בשורות" פון די שליחים פון בלק – אויפ'ן נוסח פון המן, און געקומען צו לויפן נאך זייער ווארט צו באטראכטן דאס פאלק. וואס שייך דער שנאה נאך זיין באקענען די אידן קען דאס לכאורה לעזן דעם פלאנטער.) ❖

**פּאַראָדיע** / פדיון-שבויים קאמפיין:

פון: הערי ליפשיץ

# ראטעוועט!

טייערע אידן רחמנים בני רחמנים! עס איז נישט קיין סוד אז לעבנדיג אין דעם א.ג. ״מלכות של חסד״ ליידן זיך הונדערטער אידן ליידער אן פון מסירות און שוידערליכע בלבולים און זיצן נעבעך פארשפארט און פארשמאכט לאנגע יארן אונטער טויער און ריגל פון די פארהארטעוועטע רעגירונג אינסטאנצן.

עס איז אונז יעצט אונטערגעקומען דעם ביטערן קעיס פון א היימישן יונגערמאן שליט״א וועלכער שמאכטעט אין טורמע און עס דראעט אים לעבנסלענגליכע טורמע, ר״ל! (טייל זאגן אפילו טויט-שטראף!) מיר ווייסן שוין אז אין די לעצטע יארן האבן די רעגירונג אינסטאנצן כסדר אויסגעטראכט פרישע בלבולים אויף אחב״י, און ווי חז״ל האבן שוין פאראויסגעזאגט ברוח קדשם טויזנטער יארן צוריק אז ״עשו שונא ליעקב״ טוען זיי כסדר אויפקומען פון פרישע לעכערליכע אויסריידן כדי איינצושפארן טייערע אידישע קינדער אין זייערע פארשאלטענע תפיסות. עס האט שוין דערגרייכט צו א מצב וואס די שונאי ישראל האלטן זיך נישט צוריק פון ערפינדן די שוידערליכסטע בלבולים וואס מ׳קען נאר אויסטראכטן — ממש ווי אין דעם מיטל-אלטער אדער אין נאצי-דייטשלאנד!

אין יעצטיגן פאל האבן זיי אויסגעטראכט א בלבול וואס לאזט זיך גארנישט ארויסזאגן פון מויל, און עס גלייבט זיך נישט אז אין דעם לאנד וואס מ׳פלעגט רופן ״די גאלדענע מדינה״ זאל מען קענען אזא זאך ארויפברענגען קעגן אן ערליכן איד! עס פאטש אין פנים דער פאקט אז די אלע פאליטיקאנטן וועלכע מיר האבן ערוועלט אויפ׳ן באפעל פון עסקנים מיט אונזער בארימטן ״בלאק וואוט״ שפייען אונז אין פנים, און פאדערן מיט א שטרענגקייט אז דער חשוב׳ער יונגערמאן זאל בלייבן פארשפארט לעולם ועד. דער לאקאלער דיסטריקט אטורני טשארלס היינס ימ״ש — וועלכער שטעלט געווענליך אן א פנים פון איינער וואס נעמט זיך אן פאר אונזערע רעכטן, האט יעצט ארויסגעוויזן זיינע אמת׳ע פארבן און האט אנגעקלאגט דעם היימישן יונגערמאן אז ער זאל מ׳כלומר׳שט האבן ערמארדעט (!) א אידיש קינד!

אוי לאזניים שכך שומעות אז מיר האבן אין גלות אמעריקע דערגרייכט צו אזא מצב, אז אידיש בלוט איז הפקר פאר אנטיסעמיטן צו טאן ככל העולה על רוחם, אזש ביז׳ן ערפינדן אזעלכע לעכערליכע שאקירנדע בלבולים ממש ווי די אמאליגע בלוט-בלבולים!

עס לאזט זיך גארנישט זאגן דאס רשעות פון אזא שוידערליכן, האר-פון-קאפ-אויפשטעלנדן בלבול. נישט נאר וואס זיי האבן ארייגעשליידערט דעם יונגערמאן אין טורמע מיט די ערגסטע באדינגונגען, האבן זיי נאך באשמירט די נייעס אין אלע צייטונגען אז ער זאל נישט קענען באקומען קיין יושר׳דיגן געריכט, און אז ער זאל ארויסקומען שולדיג. דער פריערדערמאנטער אנטיסעמיט טשארלס היינס האט זאגאר זיך נישט געשעמט ארויסצואווייזן זיין אנגעפיקעוועטע שנאת-ישראל און האב פראקלאמירט ברבים אז ער וועט זען אז דער טייערער יונגערמאן שליט״א זאל אנגעקלאגט ווערן אין געריכט פאר די ״מאקסימום באשולדיגונגען ערלויבט דורך דעם געזעץ״! היל״ת!

דאס רשעות לאזט זיך גארנישט זאגן ווען מען נעמט אין באטראכט אז מען באשולדיגט דעם יונגערמאן אין נישט סתם א מארד, נאר אין ערמארדן א קינד און נאכדערצו א היימיש אידיש קינד! א זאך וואס יעדער מיט דאס מינדעסטע שכל אין קאפ פארשטייט אז דאס איז הימל-שרייענד לעכערליך, און איז בכלל נישט במציאות ווי מיר ווייסן פון חז״ל הק׳ אז אידן זענען רחמנים, ביישנים און גומלי חסדים, און דווקא די בני עשו האבן באקומען דעם ״על חרבך תחיה״. ובפרט ווען יעדער וואס קען דעם יונגערמאן איז מעיד אז מ׳רעדט פון אן אמת׳ן ירא-שמים מרובים וועלכער האט נאך קיינמאל נישט געטשעפעט קיין פליג. און דא וויל מען אים באשולדיגן אין א זאך וואס איז טאקע מעשים בכל יום אין דער גוי׳אישער וועלט אבער יעדער ווייסט אז עס איז נישט במציאות אזא זאך זאל געשען ביי א איד.

טייערע אידן רחמנים בני רחמנים! לא עת לחשות! מיר דארפן זיך אונטערגארטלען ארויסצוהעלפן אונזער טייערן ברודער האברך החשוב שליט״א פון זיין פינסטערן קלעם. מיט דארפן פירן א מערכה קעגן די פארשאלטענע באהערדע וועלכע ווילן אים אונטערברענגען פאר אלע געלטער. אויב חלילה וועלן מיר אים יעצט נישט ארויסהעלפן, אם החרש תחרישי בעת הזאת, צי וועלן מיר קענען דערנאך זאגן ״ידינו לא שפכו את הדם הזה״?!

טייערע אידן ווארימט אן אייערע הערצער און שטרעקט אויס אייער האנט ביד רחבה וברוח נדיבה פאר די אלע עסקנים וועלכע האבן זיך אונטערגענומען די שווערע מיסיע צו ראטעווען דעם טייערן איד פון זיין קלעם. ווייזט ארויס אייער מיטגעפיל פאר אונזער ברודער, און לאמיר מאכן א קידוש ה׳ און ווייזן פאר די גאנצע וועלט אז מיר לאזן נישט אונזער ברודער פאלן — אפילו די מאכטפולסטע אינסטאנצן זענען קעגן אונז.

מיר האפן מיט דעם כח הרבים מצליח צו זיין, וחפץ ה׳ בידינו יצליח. ובזכות זה זאלן מיר אלע זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון דער כלליות׳דיגער תפיסה, דעם ביטערן גלות בין שבעים זאבים, און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו דעם שופר של משיח בביאת בן דוד בב״א. ❖



עולם הפוך ראיתי! אנשטאט ערליכע אידן זאלן האלטן די שווארצע פאר קנעכט ווי די תורה פארלאנגט, פירט א שווארצע שיקסע (פנים און האנט פארדעקט אין בילד משום צניעות) דעם חשוב׳ן אברך שליט״א אין געריכט, ר״ל

**געדאנקען** / אין פארטיידיגונג פון איבערנאטירליכע ערשיינונגען:

פון: שיינדל שפיטצער

# ראציאנאליזם אין מופתים

דער פענאמען פון בעל-שמ'סקער מעשיות דינט אין אונזערע אויפגעקלערטע קרייזן ווי א באקוועמער ציל פאר סארקאזם. און פון א ראציאנאלן פערספעקטיוו לאזט זיך עס פארשטיין. אויב איז א מענטש געוואוינט צו טראכטן אין די גרעניצן פון הארט, קאלט און פאקט, איז נישטא קיין פלאץ פאר איבערנאטירליכע ערשיינונגען.

מיך איז אבער איינגעפאלן צו פרואווען פארשטיין די אמונה, וואס אידן אין אלע דורות האבן געהאט אין דער פעולה פון תפילה אדער דער ברכה פון א צדיק, לגבי ענדערן דעם אויסגאנג פון א געשעעניש. מ'זאגט טאקע, "עולם-גולם"; איך בין אבער גענויגט אנצונעמען, אז אויב טויזנטער נארמאלע מענטשן פון אלע שאטירונגען אין לעבן, פון מערערע קולטורן גלייבן אין עפעס, יש מקום צו זאגן אז עפעס א לאגיק שטערט דערין.

דאס גלויבן אין א רבי'ן, אין די מופתים-מעגליכקייטן פון גרויסע מענטשן, איז בדרך כלל באגרעניצט צו מער-ווייניגער "נארמאלע" ערווארטונגען. איך גלייב, ביים ארויסקומען פון רבי'נס חדר מיוחד, האט דער טיפישער חסיד נישט דערווארטעט אז דער הימל זאל זיך עפענען אדער די וואנט זאל זיך שפאלטן. וואס יא, ער האט געגלייבט, אז דער צדיק פארמאגט א געוויסן כוח, וואס דערמעגליכט אים ארומצוארבעטן מיט דער טבע – ענדערן דעם סדר אין געשעענישן, אז דער סוף-דבר זאל זיין א מאדיפיצירטע מציאות לטובת דעם חסיד.

אויב וואלט דאס גאנצע עסק וואלט געווען דמיון ביים יסוד, פארוואס, דעמאלט, זאל דער חסיד נישט דערווארטן פון רבי'נס ברכה עפעס מער, עפעס "ווילדער", ווי נאר דאס, אז די "געווענליכע" מציאות הטבע זאל לויפן אין אן אנדערער ריכטונג? פארוואס זאל נישט דער רבי פראסט און פשוט ארויסבאקומען א קינד פון שאנק, אנשטאט מתפלל זיין אז די פרוי זאל אנהייבן טראגן?

קענען מיר, לכאורה, מסכים זיין אז דער מופתים-ענין לויפט מיט עפעס א לאגישער סיסטעם. איז נאר די שאלה, צי אחוץ לאגיש איז די סיסטעם אויך ראציאנאל. איך מיין, אז יא איז פונקט אזא בארעכטיגטער ענטפער ווי ניין. אט פארוואס.

כדי צו קענען בייטן דעם סדר אין א סיסטעם פון קלענערע חלקים, פאדערט זיך צו זיין אינדרויסן פון דער נעמליכער סיסטעם. א חלק קען מצדו ומרצונו בשום אופן נישט טוישן דעם מעמד פון דעם כלל אין וועלכן ער איז פרט. א מענטש קען טוישן זיך, אומשטענדן, און זאכן. קיינער קען אבער נישט בייטן דעם מין מענטש, סיידן עמיצער וואס איז "אינדרויסן" פון דער קאנצעפט "מין מענטש". זאלן אלע מענטשן פון אלע דורות זיך צוזאמענעמען און באשליסן צו איינשטעלן סיי-וואספארא שינוי אין זיך ווי א כלל, און ס'וועט קיינמאל נישט געלונגען. ס'איז אוממעגליך.

ובכן, צו טוישן דעם סדר הדברים אין דער ארדענונג פון סיי-וועלכער געשעעניש, פאדערט זיך א קשר צו א מקום וואס שטייט "אינדרויסן" פון דער טבע. ווי-עס-איז, לויפט די געשיכטע ווי דיקטירט פון די אומשטענדן. אויב גליסט זיך דיר צו "צווינגען" די מעשה אין א ריכטונג וואס שטימט נישט מיט דעם נאטירליכן פראצעס וועלכן זי פאלגט נאך, מוזטו דאך זיין "העכער" פון דעם דאזיגן פראצעס; דאס הייסט: העכער דער נאטור.

וואס, ווער, און פון וואס דער דאזיגער "העכערער דרויסן" באשטייט, איז פאר אונז, אליין פרטים אין דער דאזיגער סיסטעם פון טבע, אוממעגליך צו באגרייפן. אזוי לאנג ווי מיר זענען פארכאפט אין דער נאטור, וואס דיקטירט דעם געלויף פון אלעם וואס פאסירט מיט און ארום אונז, זענען מיר פונקט אזוי קלוג ווי אלע אנדערע באשעפענישן און ערשיינונגען.

אזא "דרויסן" מוז אבער בעל כרחך עקזיסטירן. אויב נישט, וואלט עקזיסטענץ נישט עקזיסטירט, פונקט ווי זי האט נישט עקזיסטירט ביז'ן מאמענט ווען זי, עקזיסטענץ, האט פלוצים אנגעהויבן עקזיסטירן. איר קענט זי, פון מיין זייט, באצייכענען ווי דארווין, שפינאזא אדער סיי-ווער. הצד השוה שבהם איז דאס, אז די טבע האט א באלעבוס.

איינמאל מיר זענען מסכים אז דער דאזיגער באלעבוס שטייט אינדרויסן פון דער נאטור, וועט זיך לאזן שפעקולירן אז דער יעניגער איז בכוח צו מאניפולירן מיט די פרטים, דעם סדר הדברים, פון און אין דער טבע. צי מ'מוז אזוי זאגן? אפשר ניין. אבער אפשר יא. פון א ראציאנאלן פערספעקטיוו, זענען ביידע אפשר'סן, לענ״ד, אייניג בארעכטיגט.

איז, דאס קומענדיגע מאל א מנחם-מענדל ביכל בלאנזשעט אייך אין דער האנט אריין, און איר לייענט זיך א "וואונדערליכע ערצעהלונג" וואס ענדיגט זיך מיט א מופת, מאכט אים נישט באלד אוועק מיט ביידע הענט. אפשר, אפשר איז די טראדיציע פון זיינע מעשהלעך דווקא דער אמת? ❖

# משה פינקל און לוי אַראָן – גלוביגע?

המשך פון ערשטער זייט

באלד אראפגעמאלן געווארן ווי איינער וואס "האט זיך פארגעשטעלט ווי אן ארטאדאקסישער איד," אפנים, עס איז קלאר אז ער איז באמת נישט קיין פרומער איד. דא ליגט נישט בלויז א פראבע צו פארטיידיגן דעם אייגענעם מין, ווי צו זאגן אז "עכטע" פרומע אידן טוען נישט אזעלכע זאכן, נאר עס ליגט דא דער פריערדערמאנטער געדאנקענגאנג אז א מענטש וואס באגייט אזא שוידערליכן פארברעך – צי עס איז פארקויפן טריפה-פלייש צי עס איז מארד – קען נישט זיין קיין אמת'ער גלוביגער אין גאט.

און אין דעם פאל פון מר. אראן זאג איך דאס זעלבע: זיין אפיקורסת איז בכלל נישט איבערגעוויזן געווארן, און ער איז העכסט-ווארשיינליך יא א מאמין אין גאט.

אין דעם ארטיקל וויל איך בעיקר אויסשמועסן וואס עס ברענגט חרדי'שע אידן אנצונעמען אז אזעלכע פארברעכער ווי פינקל און אראן זענען אפיקורסים, און פארוואס עס איז לאו-דוקא.

## ווער איז א מאמין?

ווען איך שרייב דעםווארט "מאמין" באנוץ איך זיך מיט א ווארט וואס קען אויסגעטייטשט ווערן אויף פארשידענע אופנים. עס זענען פאראן א סך מהלכים אין אמונה, ולא ראי זה כראי זה. פונקט ווי מ'קען נישט פארגלייכן די אמונה פון דעם רמב"ם צו דער אמונה פון, צום ביישפיל, דעם "חפץ חיים", אזוי קען מען נישט פארגלייכן די אמונה פון א היינטצייטיגן חרדי'שן איד צו דער אמונה פון די טראדיציאנעלע פיגורן אין דער תורה. דעריבער איז וויכטיג קלארצושטעלן וואס דאס איז א "מאמין". עס איז וויכטיג צו באטאנען אז איך זוך נישט דא צו באשטימען וועלכע סארט אמונה איז לעגיטים, בלויז צו פארשטיין וויאזוי דאס ווארט ווערט אפגעטייטש.

לכתחילה ביים הערן דאס ווארט "מאמין" אדער "גלוביגער" שפרינגט ספאנטאן ארויס אזא אפטייטש: "א מענטש וועלכער גלייבט אין גאט און פירט זיך לויט וויאזוי ער גלייבט אז גאט וויל." אזא אפטייטש שטימט אבער בכלל נישט מיט דער אמונה מיט וועלכער חרדי'שע אידן ווערן מחונך און מיט וועלכער זיי וואקסן אויף. מענטשן וועלכע גלייבן באמת אין גאט – דאס הייסט אז זייער אמונה און אלעס וואס זיי טוען אין לעבן איז תלוי אין גאט'ס רצון – האבן איין מיסיע פאר זיך: געוואויר ווערן וואס גאט וויל. די דאזיגע מיסיע דארף נעמען פרעצעדענט איבער יעדן אנדערן זארג וואס איז נאר פאראן, פחד פון מענטשן, פחד פון געזעלשאפט, פחד פון שריפטן וועלכע רעדן אין נאמען פון גאט. איינמאל א מענטש איז איבערצייגט אז גאט עקזיסטירט, און ער גלייבט אז גאט האט א ציל פאר דעם וועלט-באשאף און עס איז שייך אויסצוגעפינען וואס דער דאזיגער ציל איז, דארפן אלע אנדערע זארגן אינגאנצן אוועקפאלן, ווייל וואס איז דען וויכטיגער ווי אויסגעפינען וואס גאט וויל?

אויב זענען פאראן טעאלאגן וועלכע זאגן אז זיי רעדן אין נאמען פון גאט, און אז גאט וויל נישט אז מ'זאל חוקר זיין וואס זיין רצון איז, דארף דאס גלייך אנצינדן א רויט לעמפל אין מח פון דעם וואס גלייבט באמת אין גאט, און פארשטייט אז דער עיקר תכלית אויף דער וועלט איז געוואויר צו ווערן דעם חובת האדם בשייכות מיט גאט. אויב זייערע שריפטן סטראשען מיט קללות פאר דעם וואס וועט יא פרובירן צו טראכטן וועגן גאט און חוקר זיין אין וואס ער וויל, דארף דער אמת'ער מאמין מאכן דעם חשבון: ביי מיר איז הונדערט פראצענט זיכער אז גאט עקזיסטירט – דאס איז ביי מיר קלאר אן קיין שום ספק; די אויטאריטעט פון די רעליגיעזע פיגורן און זייערע שריפטן? אויף דעם האב איך דאך דערווייל נישט קיין גרויסע ראיות. לאמיך גיין מיט וואס איז זיכער!

א ריכטיגער ירא-שמים ציטערט פון גאט, ער טראכט כסדר איבער וואס גאט זאגט איבער זיינע מעשים. דער ירא-שמים טראכט 'איך בין טאקע געבוירן געווארן ביי אידן און ערצויגן געווארן אידיש – וואס וועט זיין אבער ווען נאכ'ן טויט געפין איך א גאט וואס צלמ'ט זיך?' אן איסלאם-ערצויגענער ירא-שמים טראכט 'ווי וועל איך קענען קוקן גאט אין פנים נאכ'ן טויט אויב עס וועט מיר דאן נתגלה ווערן אז קאנפוציאניזם איז די ריכטיגע רעליגיע?' א ירא-שמים ערצויגן אין די מתנחל'ישע אקופירטע געביטן טראכט 'און וואו וועל איך זיך אהינטאן פאר בושה אויב עס וועט מיר נאך די הונדערט-און-צוואנציג קלאר ווערן אז גאט גרויסט זיך מיט דער "נטורי קרתא"?'

אינדיווידועלן וואס זייער הויפט זארג איז גאט – און נישט א געזעלשאפטליכער מישמאש פון ארייגעצווינגענע אידעאלאגיעס – קענען נישט בארואיגט ווערן פון באהויפטונגען פון גייסטישע פיגורן אז דווקא 'דאס' איז וואס גאט וויל. זיי זענען איבערגענומען מיט יראת-שמים און ציטערן אייביג: ווער זאגט אז גאט איז צופרידן.

מענטשן וואס זייער "אמונה" איז נישט באזירט אויף הכרה, בלויז אויף דעם פלאץ וואו זיי זענען געבוירן געווארן און די געזעלשאפט וואו זיי זענען אויפגעוואקסן, מאכן נישט די אלע חשבונות. ביי זיי איז נישט פאראן קיין "איבערצייגונג" וואס דיקטירט אויטאריטעט; ביי זיי איז בלויז פאראן א חינוך וואס זאגט: אזוי און אזוי איז דער אמת. זיי קענען נישט אפטיילן די אמונה אין גאט פון דער אמונה אין די שריפטן און אלעס וואס גייסטליכע זאגן, וויבאלד די גאנצע אמונה זייערע איז דאך תלוי אין געזעלשאפטליכע באאיינפלוסונגען, און דעריבער, אויב געזעלשאפט הייסט גלייבן אין גאט – גלייבט מען, און אז געזעלשאפט הייסט נישט חוקר זיין – איז מען נישט חוקר. כאטש דאס איז א סתירה מיניה וביה, וויבאלד אויב גלייבט מען אין גאט מכח הכרה איז ער דער העכסטער אויטאריטעט און עס איז נישט שייך נישט חוקר צו זיין וואס זיין רצון איז.

חרדי'שע אמונה איז א געזעלשאפטליכע אמונה – נישט קיין אמונה אין וועלכער מען גלייבט, נאר אן אמונה מיט וועלכער מ'לעבט, און דווקא אזא אמונה כאראקטעריזירט דעם חרדי'שן לעבן. אן אמונה וואס קומט פון איבערצייגונג ברענגט אריין דעם מענטשליכן שכל אין בילד און פארמט די רעליגיע לויט די געברויכן פון דער תקופה. אבער אמונה וואס ווערט דיקטירט, וואס מ'פארשטייט נישט, וואס מ'גלייבט נישט, וואס מ'טאר נישט אויספארשן און מטיל ספק זיין – אזא אמונה פארלירט דעם גאנצן מענטשליכן עלעמענט וואס איז לכל הדעות דער ערשטער שטאפל פון אמונה, און פארוואנדלט א זאך וואס דארף צו זיין גאט'ס מאניפעסטאציע צו דער מענטשהייט אין א פארפרוירענעם אייז-בלאק, א פאראליזירטן וועזן וואס לאזט זיך נישט רירן. דאס פירט מענטשליכע אויפפירונג טיף אריין צום אומראציאנעלן תהום.

*

## אמונה און זינד

ווי דענקער האבן שוין אנגעוויזן, ווערט נישט פארלאנגט פון דעם טראכטנדן מאמין צו זיין הונדערט פראצענט איבערצייגט אין דעם עקזיסטענץ פון גאט און אין זיין תורה (זע, צום ביישפיל, הרב נחום לאם, ״אמונה און ספק״, 1971). טעאלאגיש גערעדט איז גענוג אויב מ׳איז אזוי איבערצייגט אויף וויפיל ס׳איז שייך און מ׳פירט דאס לעבן אויף דעם אופן (א ראציאנעלער מענטש קען דאך קיינמאל נישט זיין איבערצייגט אויף הונדערט פראצענט — אפילו ביי ענינים פון טאג-טעגליכן לעבן איז אייביג דא דער ספק פון ״מח אין א פאס״, ווי די ״מַאיַא אילוזיע״ אין די אינדיאנער רעליגיעס). מ׳וועט דעריבער קענען פארשטיין דעם אמת׳ן מאמין ווען ער פאלט אמאל דורך מיט א תורה׳דיגער עבירה׳לע — מ׳וועט זאגן אז ער דארף זיך מחזק זיין און שטארקן אין זיין אידישקייט. אין אנדערע ווערטער די אמונה איז אין א געוויסן זין בויגזאם און מ׳וועט נישט אפ׳פסק׳ענען א מענטשנ׳ס אמונה לויט זיינע רעליגיעזע דורכפעלער. אבער דער געזעלשאפטליכער מאמין, ביי וועמען ספק איז אינגאנצן אסור און די מינדעסטע פראגע איז חזיר-טריף, מוז קוקן אויף דעם פראבלעם פון עבירות שווארץ אדער ווייס: אויב ביסטו א מאמין, וועט ער פאַרהאלטן דעם וואס האט געזינדיגט, ווי איז מעגליך אז דו האסט געטאן אן עבירה? עס מוז על-כרחך זיין אז דו האדעווסט אפיקורס׳ישע געדאנקען. ווי עס האט מיר אמאל געזאגט שרה מרזל, דאס ווייב פון דעם ראדיקאל-רעכטן פאליטיקער ברוך מרזל, ״מי שבאמת מאמין בה׳, אינו יכול לדור בחוץ-לארץ!״ אין איר שווארץ-און-ווייסער וועלט איז נישט מעגליך צו זיין אן ״אמת׳ער״ מאמין אין גאט נאר אויב מ׳פירט אויס גאט׳ס רצון צו וואוינען אין ארץ-ישראל; אויב איינער וואוינט נישט אין לאנד איז דאס אן אנדייטונג אז ער איז נישט קיין אמת׳ער מאמין, ווייל ווען יא וואלט ער אלעס געלייגט אין א זייט און געקומען וואוינען אין לאנד ווי עס איז — לויט איר השקפה — דער רצון פון גאט.

וויבאלד אבער די גאנצע אמונה איז דאך תלוי אין געזעלשאפט, וועט מען באצייכנען א מענטש אלס אן אפיקורס דווקא אויב די עבירה ווערט באמת באטראכט ווי אן עבירה אין דער געזעלשאפט. מען קען עובר זיין אויף בפירוש׳ע תורה׳דיגע עבירות און נישט באטיטלט ווערן אלץ אפיקורס — דאס איז אויב די עבירה וועלכע ער איז באגאנגען איז אנערקענט אין דער געזעלשאפט. אין אנדערע ווערטער: איינער וואס איז עובר אן עבירה איז טאקע לויט דעם חרדי׳שן בליק אן אפיקורס, אבער וויבאלד די אמונה שטאמט נישט פון דער תורה נאר פון דער געזעלשאפט — איז די געזעלשאפט מחליט וועלכע עבירות זענען ריכטיגע עבירות, און וועלכע מ׳קען פארקוקן. און דא זעט מען ווי די מאדנע חרדי׳שע עטיק שפילט זיך אויס. פון איין זייט קענען זיין מענטשן וועלכע באגייען גאנץ קליינע עבירות, אבער וויבאלד די דאזיגע עבירות האבן פונקט נישט דעם מזל צו זיין אנגענומען אין דער געזעלשאפט ווערן די בעלי-עבירה אויסגעשפיגן, פארדאמט און אפילו באצייכנט ווי אפיקורסים. און פון דער אנדערער זייט קענען זיין אזעלכע וועלכע באגייען גאר שווערע עבירות, פארברעכנס וועלכע שטורעמען אויף מענטשן פון אלע עקן פון דער וועלט, אבער וויבאלד די דאזיגע פארברעכנס זענען אינערליך אנגענומען האט די געזעלשאפט נישט קיין פראבלעם מיט זיי.

צו אילוסטרירן: די גמרא פאדערט אז יעדער טאטע דארף אויסלערנען זיין זון א פאך, און ״כל מי שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטות.״ די דאזיגע ווערטער פון דער גמרא ווערן גענצליך איגנארירט. פארוואס? וויבאלד געזעלשאפט האט אזוי באשטימט. איינמאל געזעלשאפט האט מחליט געווען אז אט די ווערטער פון חז״ל זענען נישט רעלאוואנט וועט מען שוין זאגאר אראפקוקן אויף איינעם וועלכער איז גענוג תמימות׳דיג צו פרובירן אויסצולערנען זיין זון א פאך פאר דער חתונה. אבער דאס איז נאר א קלייניגקייט. נעמט אזא זאך ווי פעדאפיליע וואס ווערט אין דער חרדי׳שער געזעלשאפט באטראכט ווי א מינדערוויכטיגקייט טראצדעם וואס אין דער תורה איז עס גאר הארב, אין פארגלייך דעם איסור פון ״מסירה״ וואס ווערט בכלל נישט דערמאנט אין דער תורה (און איז ערשט ארויסגעוואקסן שפעטער אין דעם גלות׳דיגן לעבן) אבער ווערט אין דער חרדי׳שער געזעלשאפט באטראכט ווי איינער פון די ארגסטע עבירות.

אנדערש ווי פעדאפיליע, ווערט דאס פארקויפן טריפה-פלייש אלץ כשר יא באטראכט ווי א שרעקליכער פארברעכן (אזש פילע בארא-פארקער אידן האבן זיך געאייסערט אז משה פינקל איז פיל ערגער ווי לייבי קלעצקי׳ס מערדער וויבאלד ״גדול המחטיאו יותר מן ההורגו״), דעריבער איז קלאר געווען ביי חרדים אז משה פינקל איז זיכער נישט קיין מאמין. א מאמין וואלט אזא זאך נישט געקענט טאן! מארד ווערט אויך באטראכט ווי א שרעקליכער פארברעכן ביי חרדים (כאטש מארד-פרואוון זענען יא אין לויף פון די לעצטע צענדליגער יארן פיל מאל טאלערירט געווארן), דעריבער ווערט קלאר ביי פילע חרדים אז עס ״מוז זיין״ אז לוי אראן, דער מערדער פון לייבי קלעצקי ע״ה, איז אן אפיקורס.

דער אמת איז אבער אז טראצדעם וואס עס איז אנצונעמען אז סיי משה פינקל און סיי לוי אראן זענען נישט קיין גרויסע חכמים, און אז זייער אמונה איז בלויז א געזעלשאפטליכע, זענען זיי אבער יוצאים מן הכלל מיט דעם וואס זייערע פארברעכנס זענען נישט געזעלשאפטליך אנערקענט. ווען ברוך-מרדכי לעבאוויטש איז באשולדיגט געווארן אלס א לאנג-יעריגער פעדאפיל, האבן חרדים נישט געטראכט א ער איז אן אפיקורס — זיי האבן פארשטאנען אז זיינע ווארימע תפילות פאר׳ן עמוד זענען אוודאי געווען פון די טיפענישן פון זיין הארץ. נאר וואס דען? וויאזוי האט ער געקענט אזויפיל יארן גייסטיש ערמארדן צענדליגער און אפשר הונדערטער קינדער? אה, די סיבה איז פשוט: ער פארמאגט נעבעך א יצר-הרע (נעמט אין באטראכט אז די פראגע וויאזוי ער האט געקענט שעדיגן קינדער איז נישט די חרדי׳שע רעטאריק; חרדים פרעגן נאר וויאזוי ער האט געקענט עובר זיין אויף די תורה׳דיגע איסורים וועלכע פעדאפיליע נעמט אריין).

חרדים אנערקענען די ראלע פון דעם יצר-הרע בלויז ביי געזעלשאפטליך-אנערקענטע פארברעכנס, פינקל׳ס מאראלישע גניבה און אראנ׳ס מארד זענען נישט קיין לעגיטימע פארברעכנס, און דעריבער ברענגען חרדים צוריק זייער שווארץ-און-ווייסן בליק: א מענטש וואס קען זינדיגן קען נישט זיין קיין מאמין. אבער מר. לעבאוויטש׳ס פארברעכן איז יא אנערקענט, ווערט באטראכט ווי לעגיטים, און דעריבער נוצט מען דעם יצר-הרע צו פארשטיין זיין געשיכטע.

איינמאל עס איז פארשטענדליך דער גאנצער בליק וויאזוי ״אמונה״ און חסרון-אמונה ווערן באטראכט ביי חרדים, איז גרינג צוריקצוגיין א שטאפל פריער און פסל׳ען דעם חרדי׳שן שווארץ-און-ווייסן בליק מכל וכל — אנערקענען אז אמונה איז קיינמאל נישט קיין פראגע פון יא אדער ניין, און זיכער ווען די אמונה איז בלויז אן עמאציאנעלן געמיש פון פסיכאלאגישע דרוק און געזעלשאפטליכע געפילן איז נישט שייך צו פסק׳ענען אויף ווי ווייט א מענטש איז א מאמין אפילו אין פערספעקטיוו פון דעם שוידערליכסטן פארברעכן וואס ער איז באגאנגען.

באשר צו משה פינקל און לוי אראן פערזענליך – איך זע נישט קיין סיבה אנצונעמען אז זיי זענען נישט קיין מאמינים, און עס זענען פאראן שטארקע שאנסן אז זיי זענען דווקא יא גלוביגע, כאטש איך האב נישט דערויף קיין קלארע ראיות. די סיבה וואס מאכט מיך קלערן אז זיי זענען ווארשיינליך מאמינים איז וויבאלד איך גלייב אז מענטשן וועלכע וואקסן אויף פרום און האלטן אן דעם חרדי'שן לעבנסשטייגער טראצדעם וואס זיי גלייבן נישט, זענען געווענליך אידעאליסטן. פינקל און אראן געבן מיר דעם איינדרוק ווי לייכטזיניגע מענטשן, מיט צו ווייניג שכל ביים באגיין די פארברעכנס און צו ווייניג חכמה אויף צו קענען אננעמען אז זיי זענען באהאלטענע אפיקורסים.

*

דער ארטיקל וועט נישט זיין קיין דבר השלם אן דערמאנען דעם פרישן אומגליק מיט דעם מארד פון דעם מקובל הרב לאזאר אבוחצירא ז"ל, וועלכער איז דערשטאכן געווארן צו טויט דורך זיינס א חסיד מיט'ן נאמען אשר דעהאן. אין דער צייט וואס ביי פינקל און אראן האבן מיר נישט פארמאגט קיין קלארע אנדייטונגען אויף זייערע גלוביגקייט, האט אונז אבער מר. דעהאן יא צוגעשטעלט א דאקומענט צו געבן דעם פערספעקטיוו. נישט לאנג נאך דעם מארד איז ארויסגעקומען א בריוו וואס דער מערדער האט געשריבן עטליכע טעג פאר דעם מארד וואו ער דרוקט אויס זיין טרויער אז דער מצב פון צניעות ביי אים אין שטאט איז נישט פונקט ווי גאט וויל. אט איז איין פאראגראף:

יעדן פרייטאג אין צענטער 'נחלת יצחק' זענען דא פעדלער וועלכע פארקויפן ביי זייערע טישלעך לכבוד שבת קודש, און ב"ה אידן גרייטן זיך צום שבת אבער דאס פלאץ ווערט א שטרויכלונג צו צעשטערן אלע גדרים פון צניעות וויבאלד דער דאזיגער וועג איז צו שמאל און די פעדלער שטייען אויף ביידע זייטן, און אויף דעם וועג גייען דורך פרויען און מענער, און עס איז נישט מעגליך נישט געשטרויכלט צו ווערן דורך רירן און זען.

לייענענדיג דעם גאנצן בריוו זעט מען גאנץ קלאר אז מ'רעדט פון א טיף-רעליגיעזן מענטש, אזא איינער וועלכער האט זיך מצער געווען אויף דעם וואס צניעות אין שטאט איז לויט אים נישט הונדערט פראצענט אויסגעהאלטן. דאס האט אים אבער נישט צוריקגעהאלטן פון פלאנירן און אויספירן דעם גרויזאמען מארד אויף דעם מענטש וועמען ער האט חשוב געהאלטן לאנגע יארן.

רעליגיע איז קאמפליצירט; דער רעליגיעזער מענטש איז נאך פיל קאמפליצירטער. די זאכן זענען שווער צו פארשטיין און קלאר דעפינירן, אבער אוועקשטעלן שווארץ-און-ווייסע גדרים ווער עס איז א מאמין און ווער נישט איז זיכער אוממעגליך. ❖


קול צעקה ושבר
לכבוד מרן ורבנן, עובדי ה', וחפצים בכבוד ה', וההולכים בדרך ה'
לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת

דער בריוו פון אשר דעהאן וואו ער באקלאגט זיך אויף דעם מצב פון צניעות אין שטאט, ווי פובליצירט אויף דעם "בחדרי חרדים" וועבסייט

## שמועסן / דער בליק אויף געשיכטעס און פיגורן אין תנ"ך:

["א טראגישע ליבע", נומ. 4]

הרועה בשושנים:

דער קאלום "א רייזע אין דער פרשה" איז אויסגעצייכנט, בפרט דער ארטיקל פון דער וואך "א טראגישע ליבע" וואס איז ממש א מייסטערפולע ווערק. איך בין אבער נישט איינשטימיג מיט דער אויסקלערונג פון דעם מחבר וואס ער האט געשריבן: "די כוונה פונעם שרייבער איז נישט להרשיע את הצדיק חלילה, וואס איז נישט אין אונזערע השגות בכלל, נאר פארקערט, ארויסצוברענגען אין שריפט דעם צד זכות פונעם אידישן נשיא."

א מענטש וואס ערמארדערט א פארליבט פארפאלק נאר ווייל זיי שטאמען פון באזונדערע קולטורן איז א קאלטבלוטיגער רוצח און איז זיכער נישט קיין צדיק, מ'דארף נישט קיין שום 'השגות' צוצוקומען צו אזא מסקנא; אזא איינער טאר נישט זיין קיין ביישפיל פאר אונז.

י.ל. געבירטיג:

צוערשט א שיינעם דאנק דיר פאר די דברי חיזוק. דו האסט באריהרט א שיינעם פונקט וועגן וועלכן ס'איז כדאי צו שמועסן. דיינע ווערטער ענטהאלטן סיי פשוט'ע נקודות וואס איז וויכטיג אויסצוקלארן, אבער דער עיקר דערקענט זיך אין דעם די טעאלאגישע פראגע וואס קומט אפט אויף אין שייכות מיט דער ביבלישער עטיק. ס'איז נישט דא דער פלאץ אויסצושמועסן אלע אספעקטן, נאר דעם טייל וואס דו האסט אויפגעברענגט איז כדאי צו באהאנדלען. צוערשט לאמיר אויסקלארן אז אין אלגעמיין איז אין יעדער היסטארישער געשיכטע פאראן צוויי טיילן, איינס די טרוקענע געשעענישן און דערנאך די אינטערפרעטאציע איבער די געשעענישן. ס'איז נישט פאראן קיין געשיכטע-בוך וועלכע האט נישט אן אייגענע השקפה, וואס לויט דעם איז עס מפרש די געשעענישן צום גוטן אדער צום שלעכטן. אנדערש איז פשוט נישט מעגליך צו דערציילן א מעשה. מיר אלע האבן א געוויסע נטיה צו יעדער זאך אין דער וועלט וואס פאסירט פאר אונזערע אויגן, און דאס וועט זיך דערקענען ווען מיר וועלן דאס איבערדערציילן פאר אנדערע. ס'איז אויך גאנץ נאטירליך צוצולייגן וואס יענער האט געטראכט, וואס יענער האט באשלאסן א.א.וו.

וואס שייך די מעשה׳ס פון תנ"ך איז דאס גאר שטארק נוגע. דאס גאנצע ספר איז געשטעלט לויט דער השקפה אז אלעס ווערט געפירט מיט א השגחה, אויך איבערנאטירליכע זאכן קענען זיך טרעפן לויטן געטליכן רצון, שכר ועונש שפעטיגן נישט צו קומען, און אז פאר׳ן אידישן פאלק איז דער איינציגער מעגליכער וועג פון לעבן נאר לויט דער תורה. בכלל איז דאס דער בעסטער וועג פאר יעדן מענטש. אויב אין א געוועגליכן בוך, און לכאורה אפילו אין די ספרי הנביאים, איז די געשיכטע דער עיקר און די אינטערפרעטאציע א טפל, איז עס אין פאל פון דער תורה ווארשיינליך פונקט פארקערט. לערנענדיג די תורה דערקענט זיך שטארק אז ס׳גייט נישט די רייד וועגן א היסטאריע-בוך, אויך נישט קיין פילאזאפיע-בוך, נאר גאנץ פשוט א "חינוך-בוך". אלע פעלקער האבן אין יענע צייטן געוואוסט צו דערציילן וועגן בריאת העולם אדער וועגן א מבול, נאר די תורה האט אין די מעשה׳ס אריינגעלייגט די השקפה וואס זי האט געוואלט אהערשטעלן פארן אידישן מענטש. איך מיין נישט דערמיט צו זאגן אז די מעשה׳ס זענען איבערגענומען געווארן פון אנדערע פעלקער, דאס וועל איך לאזן פאר יעדן אליין צו באשטימען ווי ער זעט די ביבלישע קריטיק, נאר וואס ס׳דארף לכאורה יא קלאר זיין איז דאס, אז די תורה האט גארנישט אינזין געהאט די מעשה, נאר די השקפה פון דער מעשה. דאס הייסט אלזא, אז די קריטיק איבער די געשיכטעס זענען נישט נוגע דעם עיקר פון דער תורה, וועלכע האט גאר געצילט צו דער השקפה און נישט צו דער געשיכטע.

יעצט ווען מ׳זאל רעדן וועגן דיין הערה ווי צו באטראכטן דעם אקט פון פנחס קעגן זמרי, וועט זיך דאס נאטירליך ווענדן אין דעם וועלט-באנעם אונזערן, אין די אמונות וואס מיר האבן א.א.וו. דער מאטיוו פונעם ספר בלייבט אבער תמיד אומאפהענגיג. לאמיך דיר דערציילן ווי איך האב זיך פארטראכט אין דער מעשה בעת מ׳האט געליינט היי-יאר די פרשה פון פנחס אין שול. ס׳האט מיר אויפגעשווימען דער געדאנק, אז די גאנצע מעשה, נישט נאר דער אקט פון פנחס, קען באקומען א גאנץ אנדערן בליק ווען מ׳קוקט אויף די טרוקענע פאקטן אליין אן דעם תורה׳דיגן בליק. אט למשל לאמיר פרובירן פארצולייגן די גאנצע מעשה אן קיין שום פירושים: דאס אידישע פאלק וואנדערט אין מדבר און קומט אן נאנט צו די גרעניצן פון מואב און מדין. זייענדיג אזוי נאנט האבן די פארשידענע פעלקער אנגעהויבן זיך מישן, חתונה האבן איינער מיטן אנדערן. נאטירליך ברענגט א חתונה צווישן פארשידענע קולטורן אז די צוויי טוישן זיך אויס, און אזוי האט די אידישע תורה אנגעהויבן פארלירן אסאך מיטגלידער. ביז אהער איז אלעס נאטירליך. דא פאסירט אבער אן אומגליק און א מגפה ברעכט אויס אין דעם אידישן לאגער (קען זיין אז אינעם מואבישן לאגער אויך, נאר דאס האבן מיר נישט געוואוסט אדער זיך נישט געקימערט דערוועגן). צי דאס איז א רעזולטאט געווען פון פארשידענע מחלות וואס אידן האבן איבערגענומען פון די מואב׳ישע מוידן, אדער גלאט אזוי א רעזולטאט פונעם לעבן אין מדבר, ווי ס׳האט טאקע נעבעך אפט פאסירט דארט, דאס וועלן מיר נישט קענען וויסן. נאר דאס איז יא קלאר, אז די גלויביגע אידן אין מדבר, געגנוי ווי אלע גלויביגע פעלקער, האבן באלד געזוכט דעם תירוץ פאר גאט׳ס שטראף, און אז מ׳זוכט טרעפט מען. די וואס האבן זיך איבערגעגעבן דער מואב׳יש-מדינ׳ישער קולטור, זיי זענען ארויס די שולדיגע אין דער מגפה. דא הייבט מען אן אויסקוילען די אלע וואס האבן געהאט א טייל אין דעם. געענדיגט מיט דעם, גייט מען "נקמה נעמען" אין די מדינים וואס האבן געברענגט (אוודאי "במכוון", נאר וואס דען?) די מגפה אויף די אידן. אין יענער מלחמה הרג׳עט מען אויס אלעמען אן אונטערשייד, נאר די קליינע מיידלעך נעמט מען אהיים צו זיך אין געפענגעניש. אט דאס איז די טרוקענע מעשה. איך בין זיכער אז דא גייט דיר דורך א סקרוך אין די ביינער. ריכטיג?

אלזא, ווען מיר וואלטן געווען אויפ׳ן פלאץ פון פנחס און באשטימט א געוויסן נאטירליכן אומגליק אלץ עונש פון גאט, און טאקע גע׳הרג׳עט אויף דעם חשבון, וואלטן מיר אוודאי קיין שענער פנים נישט געהאט פון סיי וועלכן רוצח. אזא איינער וואלט אפשר באפרייט געווארן פון א שטראף מחמת פסיכישער צערודערטקייט, נאר דאס וועט יעדנפאלס פארבלייבן א גרויליגער מארד. וואס מיר דארפן אבער נעמען אין באטראכט איז דער פאקט אז די תורה אליין שטעלט זיך פאר ווי גאט׳ס ווארט, וועלכע איז געווען אקטיוו צווישן מענטשן אין יענער צייט וואס די מעשה איז געשען. דאס הייסט אז לויט דער תורה איז עס נישט געווען א מענטשליכע אינטערפרעטאציע צו נאטירליכע אומגליקן נאר די נביאישע אינטערפרעטאציע.

אינעם טאג-טעגליכן לעבן מוזן מיר אלע צוקומען צו ערקלערונגען צו פארשטיין וויאזוי צו באטראכטן דעם מציאות. אזוי למשל ווען מיר וועלן זען עמיצן צאפן דאס בלוט פון זיין חבר וועט ער קענען זיין א בארבאר אויב ער טוט דאס פאר אייגענער הנאה, און ווען ער טוט דאס אלץ היילונגס-מיטל ווי א דאקטאר, ווערט ער דערמיט א גוטער מלאך, פונקט דאס פארקערטע פון א בארבאר. אלזא, דאס אז די טרוקענע פאקטן זעען אויס בארבאריש זאגט גארנישט אויף דעם אמת׳ן מאטיוו פון די געשעענישן. דאס וועט זיך ווענדן אין די אומשטענדן, אין די השקפות, און אין נאך אן א שיעור זאכן. אין איין ווארט: מיר קענען באשטימען אז ס׳איז נישט פארהאן אויף דער וועלט קיין שום אקט וואס איז גוט אדער שלעכט מצד זיך אליין (אפילו ווען מ׳זאל באשטימען אז ס׳זענען פארהאן אבסאלוטע עטישע געזעצן), נאר ס׳איז שטענדיג אפהענגיג אין אנדערע פאקטארן.

דאס אז פנחס איז א צדיק לויט דער תורה, איז נישט צוליב דעם וואס ער האט געמארדעט אין נאמען פון רעליגיע, נאר צוליב דעם וואס ער האט אפגעשטעלט די מגפה. ריכטיגער געזאגט, אין דער וועלט פון דער תורה עקזיסטירט כמעט נישט קיין אונטערשייד צווישן פיזיק און מעטאפיזיק, און די צוויי זענען אין יענעם קאפיטל איינס און דאס זעלבע. אין א וועלט וואו דער עונש פון גאט קומט גלייך מיט אן עבירה (און די נבואה קלארט דאס אויס), ווערט א רעליגיעזער פארברעכן אויטאמאטיש פארוואנדלט אין א סאציאלן פארברעכן. דערפאר קען מען דאס נישט באטראכטן ווי רעליגיעזער פאנאטיזם, אויפ׳ן נוסח פון זשיהאד, ווייל דער מאטיוו קומט ממילא אויס אנדערש. אפילו ווען דער סעקולערער מענטש זאל באשליסן אז די אידן האבן געלעבט אין א טעות מיטן זען מיסטישע סיבות אין דער מגפה, א שטייגער ווי די קריסטן אין מיטלאלטער האבן זיך געלאזט קעגן מכשפות, קעגן אידן, א.ד.ג. איז עס שוין בפירוש א פראגע פון אמונה. די תורה אליין שטעלט פאר די געשיכטע אין א נביאישער צייט, נישט ווי די קריסטן אין מיטלאלטער, און מיט איר געטליכן כח גיט זי דעם שטעמפל אויף פנחס׳נס אקט – נאכדעם וואס זי אליין גיט אן די סיבה צו דער מגפה. לויט דעם איז קלאר אז פנחס מוז ארויסקומען, ביי די וואס נעמען אן די תורה, ווי א העלד און א זיכערער פאלקס-רעטער, נישט פארקערט. די אידן וואס האבן זיך נישט גערעכנט מיט דער

נבואה האבן אריינגעלייגט – צוליב אייגענעם עגאאיזם – דעם גאנצן לאגער אין סכנה, און אזוי ווערט אויטאמאטיש זמרי דער רודף און פנחס דער מציל.

ובכן, איז דאס אמאל זיכער אז ווען מ׳זאל רעדן פון היינט איז אוודאי נישט שייך צו נעמעןביישפילן פון א צייט וואס נבואה האט געהערשט. די ווערטער וואס דו האסט צוגעלייגט צום סוף אז ״אזא מענטש דארף נישט זיין קיין ביישפיל פאר אונז״ איז קלאר פון יעדן קוקווינקל, אפילו פון רעליגיעזן. און טאקע דאס צו פארהיטן, מ׳זאל עס נישט באטראכטן אלץ ביישפיל, האב איך געשריבן אז מיר האבן נישט קיין השגה אין יענער-צייטיגע פיגורן. די געזעלשאפט פון נבואה, און אוודאי נבואה אליין, איז נישט אין אונזערע באגריפן. דאס איז אלזא וואס שייך דעם שמועס פון א טעאלאגישן שטאנדפונקט, ווי אויך דעם אלגעמיינעם חינוך וואס דער תנ״ך שטעלט פאר.

אזוי צום ביישפיל בלייבט דער תנ״ך א מוסטערהאפטער חינוך-ספר אפילו פאר דעם סעקולערן מענטש, וויבאלד אין דער געשיכטע אליין ווערן די געזעצן פון עטיק נישט פארלעצט אויף אן אופן. דער פראבלעם ווערט זיך אנהייבן נאר ביי דעם וואס ווערט אננעמען דעם סיפור הדברים פון תנ״ך אבער נישט די מעטאפיזישע מציאות׳ן ארום. דא באקומט ער א קשיא אויף די פיגורן פון תנ״ך וועלכע ער באטראכט אלץ היסטאריש, נאר נאך אלץ נישט אויפ׳ן תנ״ך אליין. דאס ספר פאר זיך, ווען ס׳זאל אפילו נאר זיין א משל פון אנהויב ביזן סוף, ענטהאלט עס נישט קיין עטישע פארלעצונגען – וואס שייך דעם ענין. דאס זעלבע איז נוגע ביי אליהו מיט די נביאי הבעל, וואס האבן געבראנגט צו דעם הונגער אין לאנד, און אזוי אינעם גאנצן תנ״ך. פאר דעם וואס נעמט אריין אינעם בילד דעם רוח פונעם ספר, היסטאריש צי לעגענדאריש, איז עס אן ערגענצטע זאך. שוין אפגערעדט פון דעם אז קיין טעאלאגישער פלאנטער מיט מאדערנער עטיק איז אין דעם נישטא.

אגב נאר, איבער דעם וואס דו האסט געשריבן, אז דער זינד פון זמרי איז געווען ״צוליב דעם וואס דאס פארפאלק האט געשטאמט פון צוויי באזונדערע קולטורן״, וואלט איך וועלן אויסקלארן אז דאס איז נישט פונקט ריכטיג. פון די פסוקים קומט אויס אז דער עיקר איז געווען דער פראבלעם וואס מ׳האט זיך איבערגעגעבן פאר דער עבודה זרה פון פעור. דער איסור פון הייראטן מיט די ארומיגע פעלקער איז ערקלערט אין דער תורה, אז ס׳איז צוליב דעם וואס דאס ווערט אנקלעבן די געצנדינערייי ביי אידן. אין די שפעטערע צייטן, ווען עבודה זרה איז שוין נישט געווען אקטועל, האט זיך באקומען אט דער בליק איבער די זינד אין דער תורה. באמערק דאס ביים חטא העגל אויך ווי דער מאטיוו פון זנות ווערט אריינגעמישט אלץ טייל פונעם חטא, און אין דעם פאל פון פעור איז דאס גאר געווארן דער צענטער פונעם חטא. בלעמ׳ס עצה איז געווען קעגן דעם וואס ״אלוקיהם של אלו שונא זימה״ און נישט קעגן ״אלוקיהם של אלו שונא עבודה זרה״. אין דעם בליק ווערט בלעם אפגעמאלן אלץ נידריגער בעל-תאווה, די אידן אלץ פארלוירענע אין ים פון תשוקה ווען גאט האט נישט געצערנט, א.א.וו. דער אמת אבער איז, טראץ אלע מדרשים, אז ״אין מקרא יוצא מידי פשוטו״, און אז דו וועסט גוט אכטונג געבן אין די פסוקים וועסטו זען אז דער איינציגער מאטיוו איז ״בדבר פעור״. אזוי דאכט זיך מיר וויניגסטנס.❖

**פאעזיע** / דאס ליד פון טרויער:

פון: מ. פרץ

מעג זיין ביטער אן א ברעג,
מעג זיין פארלוירן פון וועג,
טרעפט זיך גארנישט דאס ארט.
פארוואַרפן פון ליד,
א מין טרויער וואס ציט,
נאר איין מאל נאך כ׳בעט דאס ווארט.

כ׳רוף מיט ייאוש אויס קוים,
מיין טייערסטער טרוים,
ווער וועט מיר געבן מיין פארלאנג?
זאל מיר געפינען,
א לידל אויסשפינען,
מיט טרערן געווייקט אין געזאנג.

וואס זינגען וועט פרום,
וועגן אייביגן צער אין יקום,
פון לעבן וואס רייסט און פלאגט,
האָ! מאכט מיר א כישוף,
געפינט מיר א יישוב,
פאר דער הייסער סתירה וואס נאגט.

בליען ווי אין גן עדן,
אתרוגים פון זייטן,
און דער טויט אין מיטן דרינען,
ס׳איז איין בלומענגארטן,
ווי איין טיערגארטן,
כ׳שווער אייך איר וועט נישט געפינען.

לאזט, זוכט נישט ביי גאט,
אונזער אייגענעם סוד,
נאר ס׳שטעכט אזוי שווער און מאָנט.
טאָ זוכט נאר דאס ליד,
פון שווערן געמיט,
און זאל ברעכן עס טויער און וואַנט.

״שבת בלעטל״, געווידמעט ליטעראטור און מחשבה, ווערט ארויסגעגעבן דורך א גרופע חסידים. די בלעטער קענען ווערן אראפגעלאדנט אויף: ShabbosBlettel.wordpress.com.
מאמרים ווערן אנגענומען אין אידיש, לשה״ק-עברית, און ענגליש. זיך צו פארבינדן, שרייבט צו: ShabbosBlettel@gmail.com.